פארגרעסערטע
פסח אויסגאבע

קרית ברסלב בלעטל

שנה ד'
נומער 168
יו"ט פסח
תשפ"ג

# א אמת'ע חירות





א נסיעה מיט'ן ראש ישיבה
קיין ארץ ישראל



די היסטאריע פונעם רבינ'ס
ציון אין אומאן



אינטערוויו מיט די ערשטע
בית פיגא תלמידות



מ"ב מסעות
פון די ישיבה

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט פאר אלע חשובע לייענער א פרייליכן כשר'ן פסח

# קרית ברסלב בלעטל


**צום פינטל**
דער פארריקטער זייגער
10



**משה ארי' שניצלער**
אוועקאדא מיט מצה
16



**היסטאריע**
היסטאריע פונעם רבינ'ס ציון אין אומאן
22



**היסטאריע ווינקל**
מ"ב מסעות פון די ישיבה
42



**א נסיעה מיט'ן ר"י**
נסיעה קיין ארץ ישראל שמות תשפ"ג
48



**די אידישע שטוב**
אינטערוויו מיט די ערשטע תלמידות פון בית פיגא
64





רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, ד. ווייסמאנדל, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty
יום טוב פסח ט"ו ניסן תשפ"ג

סוף אכילת חמץ......10:28
סוף שריפת חמץ.....11:45
הדלקת הנרות.........07:10
מוצאי שבת............08:44
הדלקה״נ צווייטע טעג.07:16
מוצאי יו"ט............08:48

בית המדרש היכל הקודש קרית ברסלב
181 האשקי ראוד
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## זמנים לפסח

שחרית יום טוב............................10:30
מנחה ערב יום טוב.........................07:40
מנחה מיטל נאכט...........................08:00
מנחה ע"ש חוה"מ...........................08:00

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו ביילא תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין

## בריוו צו די
# רעדאקציע

### הערות אויף די הערליכע ארטיקלען

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית ברסלב בלעטל און די חשוב'ע לייענער, שיחיו.

ערשטנ'ס האב געוואלט מיטטיילן עטליכע הערות אויף געציילטע ארטיקלען פון די פאראנגעגנע וואכן.

אחי וראש, מיין טייערע ברודער הרה"ח ר' משה ארי' נרו יאיר, דערציילט אין זיין ארטיקל: "ווער האט גע'גנב'עט די וועןן?" אין אויסגאבע 166 - איבער א שעווי לומינע וואס ער האט זיך איינגעהאנדלט פאר דריי הונדערט דאלער... דאס האט מיר צוריק געפירט צו זיסע זכרונות פון יענע צייטן, ווען איך האב זוכה געווען צו הנאה האבן א שיינע תקופה פון דעם הערליכן שעווי, איי איי, בתחילת התקרבותי, ווען איך פלעג גיין מיט מיין ברודער צום ליל שישי שיעור פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

יעדע וואך איז דאס גיין צום שיעור געווען ממש אן אפענע נס מן השמים, ר' משה ארי' פלעגט זיך ארויסלאזן צום שיעור קיין בארא פארק נאך א פולע טאג שווער ארבעטן, און איך נאכן אפוואשן די דישעס און אויפריינניגן דאס הויז... וואס הייסט? זייער פשוט, איך האב געדארפט משחד זיין מיינע חשוב'ע עלטערן צו שיחיו

קענען גיין צו מוהרא"ש'ס שיעור, און די שוחד איז געווען אפוואשן די געשיר און צוגרייטן די הויז פאר שבת, און נאכדעם איז שוין געווען גרינגער דאס בעטן רשות צו קענען גיין צום שיעור...

מיר פלעגן זיך אפשמועסן און זיך ארויסלאזן צום שיעור, ווען עס האט זיך געמאכט אז מיר זענען נאך געווען אונטערוועגס ווען מוהרא"ש האט שוין אנגעהויבן דעם שיעור, האט ר' משה ארי' געהאט א ספעציעלע כלי וואס מ'האט אריינגעלייגט דארט וואו עס איז געווען פלאצירט דעם קאר-טעיפ-ריקארדער, און דורכדעם האט מען זיך געקענט הערן דעם סעלפאון אויף ספיקער... עפעס אזוי...

דאס איז מיין חלק אין די שיינע זכרונות פון דעם שעווי לומינע...

אגב, ווען איך האב לעצנטס געשמועסט מיט מיין ברודער איבער יענע יארן ביים די שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע, האט ער מיך געפרעגט וואס האט מיך דעמאלט געכאפט ביי די שיעורים, א גאנץ יונגער בחור, האב איך אים געענטפערט, "איך האב געשפירט ווי עפעס איז גוט דא, עס איז דא א צדיק וואס רעדט צו מיין הארץ, ווען איך האב געהערט א שיעור האב איך געשפירט ווי א חיות'דיגע באלזאם צוגיסט זיך איבער מיין גאנצע גוף, איך האב געשפירט, אז איך וועל זיך אנכאפן אין דעם צדיק און פאלגן זיינע עצות וועט מיר מיין לעבן זיין גוט, איך וועל איין טאג זיין אן ערליכער איד."

*

אין אויסגאבע 156 איז געווען א הערליכע



ארטיקל מיטן קעפל: "איך זיך (זוך) מיך". איז מיר איין טאג אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט דעם אויסדרוק אין א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס איז מעניינא דיומא, ווי דער ראש ישיבה שרייבט:

מען קומט שוין נענטער און נענטער צום יום טוב פסח, מען שפירט שוין דעם יום טוב; בפרט די וואס זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א, סימן קלב): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק", אויב א מענטש איז מקושר צום צדיק, "יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב", קען ער זוכה זיין צו שפירן די הייליגקייט פון יום טוב; מען הויבט אן פארשטיין 'נישטא גארנישט - נאר דער אייבערשטער, נישטא "איך", "זיך", "מיך" - עס איז דא דער באשעפער; ער פירט אלעס, ער מאכט אלעס, ער טוט אלעס; נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן בעת צרה'.

נו, אז א מענטש זוכט דעם זיך, אויב איז ער מקושר צום צדיק, וועט ער זען אז דער גאנצער זיך איז אויך אייבערשטער, אז מ'קוקט אריין טיפער אינעם געזיכט פון יעדע זאך אנערקענט מען אז דאס איז אויך אייבערשטער.

*

אינעם זעלבן אויסגאבע באהאנדלט מיין ברודער ר' משה ארי' דעם קאנצעפט וואס ר' ישראל מעכיל נ"ו האט ארויסגעברענגט ביים מסיבת הכרת הטוב פארן רענט קאמפיין פארגאנגענעם מוצאי שבת פרשת תרומה, נעמליך, אז מ'דארף אריינכאפן גוטע זאכן ווי לאנג מ'קען, ווי לאנג עס איז ווערד... מיר טרעפן דאס אין א בריוו פון ראש ישיבה וואס שרייבט איבער דעם ענין:

"שטופ נישט אוועק די גבאים וואס קומען איינקעסירן געלט פאר די מוסד; דער מיט די רענט, דער צווייטער פארן כולל, א דריטער פאר אומאן און א פערטער פאר די מלמדים וכו'; וויפיל מיר זאלן נאר געבן פאר'ן רבי'ן האבן מיר גארנישט צוריק געגעבן. וואס קען מען באצאלן פאר לעבן? וואס קען מען געבן פאר'ן האבן שלום בית? וואס קען מען צוריק געבן פאר'ן אויסלערנען חינוך הבנים והבנות?

עס וועט קומען א צייט וואס דו וועסט טראכטן: 'א שאד איך האב נישט געגעבן אלעס וואס איך האב געהאט', אזוי ווי די מעשה מיטן רבינ'ס טאכטער אדל. זי האט נישט זוכה געווען צו קינדער, אלע קינדער פלעגן איר לא עלינו נפטר ווערן; איינמאל איז דער רבי איינגעשטאנען ביי איר פסח און זי האט געגעבן פאר'ן רבי'ן אחרון של פסח זופ מיט "צוויי קניידלעך", האט דער רבי איר געזאגט: "און פאר די צוויי קניידלעך וועסטו האבן צוויי קינדער". און אזוי איז טאקע געווען, זי האט געהאט צוויי קינדער, א אינגל און א מיידל - אברהם בער און רבקה; פלעגט זי שטענדיג זאגן אז זי האט חרטה פארוואס זי האט נאר געגעבן צוויי קניידלעך וכו'".

אין א אנדערע בריוו שרייבט דער ראש ישיבה מער בפרטיות:

"איך האב מיר געמאכט א חשבון וויפיל געלט איך האב געגעבן פאר מוהרא"ש במשך די צען יאר וואס איך האב זוכה געווען צו זיין ביי מוהרא"ש ז"ל, און דאס קומט אויס א פערטל מיליאן דאללער, קוק נישט אן ווי איך בין מגזם, נאר רעכן עס אליינס אויס; איך האב געצאלט די גראסערי יעדע וואך במשך דריי יאר, איך האב געצאלט מוהרא"ש'ס טיקעט קיין אומאן פאר דריי יאר, סיי פאר מוהרא"ש און סיי פאר זיין זון ..., און ... מיט זיין זון; יעדעס יאר פאר פסח האב איך געברענגט איבער צוואנציג טויזנט דאללער, און יעדע ליל שישי האב איך געגעבן פינף הונדערט דאללער וכו' וכו', און גלייב מיר, איך האב חרטה פארוואס איך האב נישט געגעבן יעדע פרוטה וואס איך האב געהאט. איך טראכט צו מיר 'אפשר וואלט איך געקענט אראפ נעמען פון מוהרא"ש א חלק פון זיינע חובות, און אים גרינגער מאכן דאס לעבן'".

***

אומגעפער זיבן הונדערט פיס פונעם ריזן קאמפלעקס "קרן הדפסה היכל הקודש" אין ליבערטי ניו יארק איז דא א גאז סטאנציע און א קליין געשעפט, דזשעי ענד עיטש עקספרעסס.



איין טאג, אויף א פרייטאג, בין איך געווען דארט נעמען גאז פאר מיין קאר און איך האב געדארפט עפעס קויפן אינעם געשעפט. איך האב געהאט מיין קליין טאכטער מיט מיר, און ביים באצאלן האט דער כמו העפליכער פאקיסטאנער אימיגראנט דערלאנגט פאר מיין טאכטער צוויי לאליס.

איך האב נאכנישט עספיעט דאס צו לייגן אין מיסט, אינצווישן זענען מיר צוריק געגאנגען אין קאר און איך האב געזאגט פאר מיין טאכטער אז מיר טארן דאס נישט עסן, עס איז נישט כשר. נאך אפאר מינוט זאגט זי מיר אז זי דארף עס זייער שטארק, האב איך איר געזאגט אז מ'טאר נישט עסן עפעס וואס איז נישט כשר, "אבער איך דארף עס אזוי שטארק", האב איך איר געזאגט אז אויב מ'עסט עפעס וואס איז נישט כשר קען מען באקומען א בובו (באַבאַ) אויף די נשמה, האט זיך מיך געפרעגט וואס ס'מיינט א בובו אויף די נשמה, האב איך איר געזאגט אז יעדע צופרי ווען זיך שטייט אויף גיסט זי זיך אפ נעגל וואסער און זאגט מודה אני שיין און הויך, אויך ליינט זי קריאת שמע ביינאכט פאר זי גייט שלאפן און קושט די מזוזה וכו', אויב די נשמה האט א בובו וויל מען מער נישט טון די אלע שיינע זאכן און אלע אנדערע מצוות... האט זי מיר שנעל געזאגט, "ניין, איך וויל נישט עסן די נישט כשר'ע לאלי..."

*

מיר זענען גליקליך ביז גאר אז מיר האבן א רבי, א ראש ישיבה וואס רעדט צו אונזער נשמה, לערנט אונז וואס מאכט גוט און ליכטיג פאר אונזער נשמה, און דאס פארקערטע צוגלייך, וואס קען שאטן, אפבריען און שעדיגן אונזער נשמה, א רבי וואס פארעכט אונזער נשמה, איז איר מתקן און היילט איר אויס.

אז מען ווייסט אז די פעולות וואס מען טוט האט א ווייטגרייכנדע השפעה אויף אונז, אויף אונזער נשמה, אויף אונזערע קינדערס נשמה - איז גרינגער זיך צו האלטן פעסט און בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זיך פירן גוט און ערליך.

ווען אלעס דארף האבן א טעם, א געשמאק, א סיבה, פאלן זאכן אריין אין די פאסטקע פון 'יעצט בין איך יא/נישט אין די גיסטע', 'פארוואס/פאר וואן/ פאר ווי', אבער אז מ'ווייסט אז מ'טוט דאס פאר אונזער נשמה, מ'לייגט זיך אוועק גוטע זאכן לעלמא דאתי, אזוי ווי דער רבי לערנט אונז (ציטירט פון א בריוו פון דער ראש ישיבה):

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן נד): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יְרְאֵי הַשֵּׁם תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ, קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר יִזְכֹּר מִיָּד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי", דאס איז דער וועג ווי אזוי אן ערליכער איד דארף זיך פירן, גלייך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי' זאל מען טראכטן פון תכלית - עס קומט נאך א וועלט און קיינער בלייבט נישט דא. עס גייט קומען א טאג וואס אלע וועלן מיר איבערלאזן די וועלט, מען וועט נעמען דעם מענטש און אים אריין לייגן אין גרוב. דארט וועט גארנישט ניצן - נאר דאס ביסל תורה ותפילה וואס מיר האבן זיך אנגעגרייט וועלן מיר מיט נעמען אויף יענע וועלט. ע"כ.

דורכדעם האט מען אן אנדערע סארט חיות און שטופ אריינצוכאפן ווי מער מצוות און מעשים טובים און זיך אפהאלטן פון שלעכטס.

*

צום ביישפיל, ווען עס קומט צו לימוד התורה, וואס דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף די לענג און אויף די ברייט מ'זאל נישט לערנען קיין תורה, אבער מיט'ן הייליגן רבינ'ס הקדמות, אז די תורה איז שפייז פאר אונזערע נשמות און עס איז נישט תלוי צי מיר פארשטייען דאס יא אדער נישט - איז פיל גרינגער זיך צו שטארקן און לערנען אביסל יעדן טאג.

ווי דער ראש ישיבה שרייבט אין א בריוו:

אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט פארשטייט דאס די נשמה, אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שֶׁכָּחַ", אויף יענע וועלט דערמאנט מען די נשמה אלעס וואס זי האט געלערנט און פארגעסן, "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ", אזוי אויך, אויב מען האט נישט פארשטאנען וואס מען לערנט, "לֶעָתִיד - בָּעוֹלָם הַבָּא - יָבִינוּ", וועט מען אויף יענע וועלט זוכה זיין דאס צו פארשטיין,

"כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", ווייל דער עיקר וואס מען לערנט תורה איז פאר די נשמה, "שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אז אויף יענע וועלט זאלן די נשמות פארשטיין די תורה וואס זיי האבן געלערנט אויף די וועלט; "אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה", וואויל איז פאר'ן מענטש וואס פארברענגט זיינע טעג און יארן מיט תורה און מיט עבודת השם, ע"כ.

און לעצטנס אין א מכתב יומי:

"זיי דו אויך פון די וואס לערנען יעדן טאג. לערן אן פארשטיין, לערן פארן אייבערשטנ'ס וועגן", ע"כ.

*

עס איז ממש אוממעגליך צו צוטירן די אומצאליגע מאל וואס דער ראש ישיבה דערמאנט אין די בריוון ווי יעדע זאך וואס מיר טוען רירט אן די נשמה, אבער פטור בלא כלום אי אפשר...

דער ראש ישיבה שרייבט:

רבי נתן האט געזאגט: "א קוק ווייניגער, איז א ברי ווייניגער"; יעדע קוק וואס מען קוקט אויף שמוץ, אויף גוים און גוי'טעס - באקומט די נשמה א ברי, מען ווערט פארברענט. וואס טוט מען אז מען כאפט א ברי פון הייסע וואסער, אדער פון פייער? מען גיסט קאלטע וואסער. דאס זעלבע דארף מען טון ווען מען ווערט אפגעבריט פון עבירות, מען דארף לויפן צו די תורה, וואס תורה איז צוגעגליכן צו וואסער, אזוי ווי חז"ל זאגן (תענית ז.): "אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה". דערפאר בעט איך דיר, נעם א משניות און זאג כאטשיג א פרק, איין פרק נעמט נישט לאנג, און איין פרק קען יעדער זאגן. א בחור אין ישיבה האט צייט צו זאגן מער ווי איין פרק, אין ישיבה זאגן די בחורים יעדן טאג ח"י פרקים משניות און זיי זענען מסיים משניות יעדע חודש. אבער אפילו אינגעלייט קענען דאס אויך טון אז מען איז זיך מסדר און מען צעטיילט עס דורכ'ן טאג קען מען לערנען מער ווי ח"י פרקים משניות. ע"כ.

*



געדענק, יעדע זאך וואס מיר זענען זוכה צו טון פארן רבי'ן איז א נצחיות, און דאס איז א טובה פאר אונזער נשמה, און מיר וועלן זוכה זיין צו משמש זיין דעם רבי'ן אויך אויף יענע וועלט. ע"כ.

*

לערן יעדן טאג אביסל משניות, דאס וואשט אפ א מענטש און געבט אים א נייע נשמה, ועל כולם זע צו לערנען א דף גמרא לכל הפחות וואס דאס פארברענט אלע קליפות. ע"כ.

*

ווען א מענטש טובל'ט זיך דא אויף דער וועלט, טובל'ט מען זיין נשמה אויבן אויף יענע וועלט. ע"כ.

*

עס איז ממש א שאד יעדן טאג וואס דו לערנסט נישט דעם דף. דער דף איז דער לעבן פונעם טאג, דער דף איז די נשמה פונעם טאג און עס איז די בעסטע שמירה פארן מענטש. ע"כ

*

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געהאט א קראנקע פוס, און זיין גאנץ לעבן האט ער געהינקעט ל"ע. ווען ער האט געדארפט א חתן ווערן און די מיידל האט געזען זיין קראנקע פוס ווי אזוי ער הינקעט אונטער האט זי געזאגט אז זי וויל נישט דעם שידוך, האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט אז ער וויל רעדן מיט איר אפאר מינוט, ווען זי האט שוין מסכים געווען צו רעדן מיט אים האט דער הייליגער צאנזער רב איר געזאגט מורא'דיגע ווערטער: "אויבן אין הימל זענען מיר געווען איין נשמה (אזוי ווי דער רבי זאגט [ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רסה]: "כִּי אֵלּוּ נְשָׁמוֹת שֶׁל הַזִּוּוּג הֵם לְמַעְלָה אֶחָד", מאן און ווייב פאר זיי קומען אראפ אויף דער וועלט זענען זיי איין נשמה, און ווען מען קומט אראפ ווערן זיי צעטיילט אין צוויי באזונדערע גופים), איז געווען אנגעשריבן אז דו וועסט האבן א קראנקע פיס און דו וועסט זיין א הינקעדיגע מיידל, האב איך געבעטן אז מען זאל מיר עס געבן אנשטאט דיר, אבער יעצט אז דו זאגסט אפ דעם שידוך, און דו ווילסט נישט חתונה האבן מיט מיר, געב איך

דיר צוריק דיין קראנקע פיס, און דו וועסט זיין די הינקעדיגע, נישט איך", האט זי געזאגט אז זי וויל שוין יא דעם שידוך.

דאס זעלבע זאך זאג איך דיר, דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן אז דו האסט חתונה געהאט און דו זעסט אין דיין ווייב א חסרון, דו ווילסט נישט האבן א ווייב מיט א חסרון וכו', זאלסטו טראכטן דאס וואס דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט, און באמת וואלסטו געדארפט האבן דעם חסרון, נאר מען האט עס געגעבן פאר דיין ווייב אנשטאט דיר; איז אויב דו ווילסט נישט ממשיך זיין וכו' וועסטו סיי בלייבן אליין און אויך האבן די חסרונות. דערפאר זע צו מאכן שלום אין שטוב, און בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיין צופרידן און פרייליך, און נישט זוכן קיין חסרונות ביי קיינעם, בפרט אין שטוב. ע"כ.

*

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן נישט אפלאזן דעם רבי'ן, מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ביז מיר וועלן זוכה זיין משיג צו זיין אלעס וואס די נשמה האט משיג געווען איידער זי איז אראפ אויף די וועלט, דורך ריבוי התבודדות ותפילה. ע"כ.

*

עכ"פ דאס געבט אונז גאר אן אנדערע בליק אויף די זאכן וואס מיר טוען, אז אפילו מיר טוען א מצוה און קיין טעם און ראם האט דאס א השפעה אויף אונזער נשמה און וועט אונז באגלייטן אויף אייביג, און יעדע גוטע זאך בלייבט לנצח.

***

אין די סעריע פון ידיעות איבער תיקון הכללי האב איך געוואלט ברענגען א תימן'ער כתב יד פון תיקון הכללי וואס איז געשריבן געווארן דורכ'ן חשוב'ער תימן'ער חכם און מקובל הרה"ק רבי חיים סינוואני זצוק"ל, וועלכער איז געבוירן געווארן אין יאר תרנ"ח און נסתלק געווארן אינעם שטעטל יהוד אין ארץ ישראל כ"ז אדר, אין יאר תשל"ט.

דער גאון און מקובל פלעגט אין זיינע לעצטערע יארן טיילן פאר זיינע תלמידים דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און ער פלעגט זיי מחזק זיין צו לערנען דעם רבינ'ס ספרים כדי צו באקומען יראת שמים.

ווי אויך ברענגט ער אין זיינע ספרים דאס גרויסקייט פון זאגן תיקון הכללי. זי"ע.

א כשר'ן פרייליכן ליכטיגער יום טוב

יואל שניצלער, קרית ברסלב




תיקון הכללי

## שופר של משיח

איך האב געהערט זייער א שיינע געדאנק

אויף דעם ענין פון 'שופר של משיח', איך האב געטראכט אז איך וועל עס ארייננלייגן אינעם ברסלב'ן צייטונג.

ווי באקאנט איז דער לימוד פון רבי'ן - אזוי ווי דער רבי שרייבט קלאר כמה פעמים - דער לימוד וואס משיח וועט אויסלערנען. און אזוי ווי דער רבי האט זיך אויסגעדוקט "צווישן מיר און משיח איז נישט דא קיין חילוק, די איינציגע חילוק איז אז יעצט איז נאך דא א בחירה צו מען זאל פאלגן אבער ווען משיח וועט קומען וועט שוין נישט זיין קיין בחירה, משיח וועט זאגן און יעדער וועט פאלגן".

דאס הייסט אז דאס וואס דער רבי לערנט אונז אז א מענטש קען זיך אויסלייזן פון אלע זיינע צרות און פראבלעמען דורך די עצה פון גיין אין א זייט און זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן, און דאס וועט משיח ארייינברענגען אין די גאנצע וועלט, וואס דאס וועט זיין די גאולה, אז יעדער איינער אפילו להבדיל גוים וועלן האבן די ריכטיגע עצה פאר יעדע פראבלעם. אזוי ווי דער נביא זאגט (צפניה ג ט) "אז אהפך אל עמים שפה ברורה לקרוא כלם בשם ה'" אז ווען משיח וועט קומען וועלן אלע רעדן צום אייבערשטן און אזוי וועלן זיי קענען ארויסגיין פון זייערע פראבלעמען.

דער רבי האט אויך געזאגט ווען ער האט מגלה געווען אלעס וואס עס וועט זיין ביז משיח וועט קומען, (וואס איז באקאנט אלס ספר מגילת סתרים, וואס דער רבי האט מגלה געווען נאר פאר זיינע צוויי הייליגע תלמידים רבי נתן און רבי נפתלי ז"ל) אז ווען זיין ספר וועט ווערן אנגענומען אין די וועלט קען מען זיך רעכטן אויף די גאולה.

דער רבי האט געזאגט אז אנדערש פון אלע צדיקים וואס ווי לאנג זיי האבן געלעבט האבן זיי אראפגעברענגט א ליכטיגקייט מיט זיך וואס מיט דעם האבן זיי אויפגעמאכט די הערצער פון זייערע תלמידים, אבער דער רבי האט אראפגעברענגט א ליכטיגקייט וואס וועט שוין טלוען ביז משיח וועט קומען, דאס וועט גיין פון איין תלמיד צום צווייטן, און דאס וועט אנהאלטן, ווי מיר זעען היינט אז אפילו עס איז שוין אריבער איבער צוויי הונדערט יאר זייט דעם רבינס פטירה, איז נאך זיין לימוד פריש ווען מען הערט עס פון די תלמידי תלמידים אינעם היינטיגן דור.

ברוך השם אז מיר זענען געבענטשט געווארן אין היינטיגן דור מיט תלמידים פון רבי'ן, אונזער גרויסער רבי מוהרא"ש זי"ע וואס האט אראפגעברענגט דעם לימוד פון רבי'ן פאר אונזער דור, און דערנאך ווייטער אין אונזער דור האבן מיר די זכי' צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס טוט אונז געבן א גאולה, מיר שפירן זיך פארזיכערט מיטן הייליגן באשעפער אין יעדע מצב וואס מיר גייען אריבער.

בפרט אין דעם דור וואס מיר זענען זוכה צו הערן די קול פון רבי'ן דורך די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א.

ווי באקאנט האט מען אין די וועלט אנגעהויבן הערן די לאנגע שיעורים פונעם ראש ישיבה, שפעטער ווען די מוחות זענען שוואכער געווארן און מען האט שוין נישט געקענט פארנעמען לאנגע שיעורים האט מען אנגעהויבן שניידן און מאכן חיזוק יומי, קורצע שיעורים פון דריי פיר מינוט. לעצטענס, ווען די מוחות זענען געווארן נאך שוואכער האט מען אנגעהויבן נאך מער פארקורצערן שיערים פון א האלבע מינוט... און מענטשן כאפן זיך צו דערצו און זיי גייען נאכדעם זוכן די לאנגע שיעורים וואס מען קען הערן.

דאס איז זייער אן אינטערעסאנטע צושטעל צו די ענין פון שופר של משיח. ווי א שופר גייט איז עס קודם א תקיעה, א לאנגע בלאז דערנאך א קורצערע (שברים) דערנאך נאך קורצער (שברים) און דערנאך תקיעה.

והבן למעשה.

**פון א ליינער וואס ווארט יעדע וואך אויפן בלעטל ווען עס קומט שוין ארויס.**



בס"ד
Wardrobe Wonderland
From babies to ladies, We have a fantastic range of upscale clothing at below cost prices.
Come view our weekly new arrivals.
BREAKTHROUGH
everything under $20
sruliheskel@gmail.com
א כשר'ן פריילכן פסח
462 Twin Bridge Rd.
Kiryes Breslev Liberty NY 12734
Perrelles
COUTURE
Another project by:
Store Hours: Sunday - Thursday 10am - 11pm | Friday till 1pm | Motza Shabbos 1 hour after zman till 12am



# צום פינטל

## דער פארריקטער זייגער

איך דריי מיך שוין ארום מיט דעם זייגער פאר די לענגסטע צייט, מיין ווייב, מיינע קינדער ווייסן שוין אז יעדע מאל מען פארט אריין אין שטאט באקומט דער זייגער דער אויבן אן, ער איז דאך א שטענדיגער מיטרייזענדער, יא... וואס רעדסטו... א שיינער זייגער! ער טראגט אונטער זיך א רייכע היסטאריע.

דער האט גוט געארבעט ביי מיין תנאים... ווער געדענקט נאך די אלטע מאדנע צייטן... ווען מען האט נאך געווארפן געלט אין מיסט... ווער געדענקט נאך יענע צייטן... מען האט נאך געגעבן טייערע חתנים פאר די תכשיטים... הממ... נאכאמאל...? ניין אזוי גייט עס... מען האט גענומען א חתן א תכשיט, און מען האט אים געמוזט געבן א תכשיט... מען האט געגעבן טייערע תכשיטים פאר די תכשיטים...

בבושת פנים מוז איך מודה זיין, איך בין נאך געבוירן געווארן אין א פריערדיגע עפאכע, איידער בענק און באלאנען האבן געקראכט... קוק אהער... לאך נישט פון מיר... יעדע תקופה האט זיך זיינע סטאטיסטיק'ס און שיטות, געבויט אויף שטודיעס פון שטודירער פון יענע תקופה, און עוילעם גוילעם לאזט זיך פון דעם פירן.

דעמאלט, אין יענע צייטן האבן די זאך קענער, די מבינים, די סטראטעגיסטן, געהאלטן אז עס איז 'גאר' וויכטיג אז מחותנים זאלן ווערן בעלי חובות ווען זיי מאכן חתונה די קינדער, קוק אהער, זאכן טוישן זיך דאך יעדע פאר יאר, איז וואס'דע געלעכטער... יענע יארן האט מען נאך אזוי געהאלטן... שוין! אין יענעם תקופה האב איך חתונה געהאט למזל טוב.

אז איך רעד שוין פון יענע תקופה, קען איך נישט ווייטער גיין איידער איך גיס אויס דאס ווייטאג, איך מוז אייך מיטטיילן מיין ווייטאג וואס עס ליגט מיר אויפן הארצן נאך פון דעמאלטס, איך האב געוואוינט אין א בנין מיט שכנים, מיינע שכנים האבן מיטגעהאלטן מיין סדר היום טאג טעגליך... און איך באשולדיג זיי נישט... דאס איז געווען מנהג המקום... איך זאג נישט קיין נאמען פון א פלאץ... אבער אזוי איז געווען איינגעפירט אין יענע מקומות... אז מען האט מיטגעהאלטן אלעעס - ווי ווייט מעגליך... - וואס עס טוט זיך ביי יענעם, און... מיינע שכנים, גראדע וואוילע מענטשן געווען, זיי האבן מיטגעהאלטן יעדן טאג פונקטליך אלעס, ווען איך בין געגאנגען שלאפן, ווען איך בין אויפגעשטאנען, און אזוי ווייטער, זיי האבן מיך געקענט פאר א מסודר'דיגער מענטש, זיי האבן אודאי נישט געוואלט ווארפן די שולד אויף מיר, האבן זיי באשולדיגט נישט קיין אנדערן ווי דער באליבטער זייגער...

שוין דעמאלט זענען ארומגעגאנגען שמועות אויף דעם טייערן גאלדענעם זייגער, נישט מער און נישט ווייניגער אז דער זייגער האט שוין דאן נישט געארבעט, אבער נישט געזארגט עס האט פיין געארבעט, עס האט מיר ווי געטון אז מען באשולדיגט נעבעך דעם אומשולדיגן זייגער אז ער ארבעט

נישט, אין די צייט וואס איך בין געווען דער וואס האט נישט געארבעט... איך וועל אייך אויסזאגן דעם אמת, איך בין נאך דאן געזיצן אין כולל... איך האב נאך דאן נישט געארבעט... דער זייגער האט גראדע גאר פיין געארבעט, יעדע פינף מינוט האב איך זיך געשעפשעט דערמיט... דאס ארויסגענומען פון מיין בוזעם-פריינט (אז ער איז געליגן אין מיין בוזעם טאש איז ער מן הסתם געווען מיין בוזעם פריינט) דעם טייערן גאלדענעם געהענגל, עס האט זיך נאכגעשלעפט דערויף דעם שיינעם גאלדענעם זייגער, און יא... עס האט זיך געהאט גערוקט מיט פונקטליך פינף מינוט, נישט קיין איין איינציגע רגע מער, נישט קיין איין איינציגע רגע ווייניגער... אוי געדענק איך די יסורים וואס דער זייגער האט מיר אנגעמאכט. נישט געזארגט, שפעטער איז ער שוין סתם אזוי מיטגעפלויגן מיטן שטראם... ממש אן פרעגן קיין רשות, ער איז גאנצעטע טעג געלאפן... פון ווי נעמט מען אזעלכע כוחות? אזוי צו לויפן? אבער פרעג נישט קיין קשיות אויף יענע צייטן, וועמען דו וועסט טרעפן פון יענער תקופה וועט דיר מודה זיין אז עס איז געווען אן אבנארמאלע זאך וואס די זייגער'ס האבן אפגעטון מיטן זיך נישט רירן די ערשטע פאר כולל יארן, און פלוצלינג אנהייבן אזאנס לויפן אזש מען האט די צייט נישט געקענט דעריאגן...

דאס איז געווען אבער נאר ממש אנהייב, אבער אזוי ווי עס איז אריבער א פאר יאר האט דער באקומען אזא סארט מין או סי' די אז עס לאזט זיך נישט גלייבן, ער האט פארגעסן אז ער האט נישט צו לאנג צוריק שוין געוויזן אויף דעם צוועלעף, באטראכטנדיג אים פון דער נאנט זע איך ווי דער



ווייזערל ווען ער קומט אן צום זעקסער געבט ער זיך אזא גליטש צוריק אטאמאטיש... ער איז צוריק ביים רוימישן צוועלעוועער... (כזה XII) איך גלייב אז ווען דער זייגער סוחר וואלט געוויסט אז ער פארקויפט מיר אזא אטאמאטישען גאלדענעם זייגער וואלט ער גערעכנט דערפאר נאך א טויזענטער, איך רעד פון בימים ההם ווען טויזענט דאלער האט נאך געמיינט טויזענט דאלער...

ווי עס זאל נישט זיין האב איך באזוכט ביים צירונג געשעפט, ווי מיין שווער האט מיר געזאגט אז דארט האט ער געקויפט דעם זייגער.

איך מוז אייך אבער מודה זיין אז דאס - אז איך זאל גיין זוכן הילף אינדרויסן - דאס איז שוין געווען מער לעצטענס, ווייל אנהייב האב איך אלס פארפעסיאנאלער מעכאניקער... איך האב דאך שוין אפילו געלערנט ווי אזוי פאכמאניש צו פארעכטן אן ענדזשין לייט... נו! וואס טראכסטו, זאל איך דען א זייגער נישט קענען פארעכטן? פרובירנדיג אליין צו פארעכטן דאס זייגערל האב איך מקיים געווען דעם 'מות יומת'... געטייטענט זאל עס געטייטענט ווערן... איך האב עס געטייטענט מיט א צווענגל... עס האט טאקע אנגעהויבן צו טאקטן אבער מער פון דעם, גארנישט! איך האב עס גענוצט אויף צו קענען האלטן א ביעט פון א גאר באקאנטער אף ביעט ניגון... פון די ניגונים וואס איך דערמאן מיך יעצט, למשל די ניגון 'שבת' יא דעם ניגון האט דער אף-ביעט זייגער זייער גוט מיט-געטאקט...

אזוי איז אריבער א יאר נאך א יאר און עס ארבעט נאך אלס נישט, בין איך אריבער צום זייגער סוחר, צום ערשט האט ער גע'טענה'ט אז מען זאל אינוועסטירן אין א באטעריע, גראדע האט ער געהאט איינס אין סטאק, און פונקט פאר גאר א ביליגע פרייז, ביליגער פונעם זייגער זעלבסט, דער מוכר האט באשטעטיגט אז הגם מיר האלטן שוין א שיינע פאר יאר נאך די חתונה היות דער זייגער האט מען דאך געקויפט פאר די חתונה, איז געבליבן אפן א קליין פענסטערל פון די השפעות וואס האבן זיך געעפענט ביי די חתונה אויף אזויפיל צו קענען עפארדן צו קויפן א באטעריע פארן זייגער.

עס האט ווייטער געצויגן פאר א וואך, אפשר צוויי, אבער נישט מער, ער איז אריבער א וואך און מיר האלטן ביי אלף... דער צוויי טויזנט דאלערדיגער זייגער, אינאיינעם מיטן הונדערט דאלערדיגע באטעריע דערין עקש'נט זיך אז עס איז נאך אלס נאר צוועלעף אזייגער.

אזוי האט דער זייגער זוכה געווען יעדע מאל צו א טריפ אריין אין שטאט, זוכן ווער עס קען עס פארעכטן.

דאס קומענדיגע מאל איך בין אריין



געפארן אין שטאט טרעף איך מיך שוין ווייטער שטיין ביים סוחר, ווי עס שטעלט זיך ארויס - זאגט ער מיט א שטארקע מבינות - איז די מאדעל פון דעם זייגער טאקע געווען א דורכפאל, דו ביסט נישט דער איינציגער מיט דעם פראבלעם, שוין, איך האב ממש אפגעאטעמט, צרת רבים, הייסט איך בין נישט דער איינציגער וואס דרייט זיך ארום מיט א פארריקטער זייגער, ער זאגט מיר אבער די זייגער איז אויט און סטאק, אבער ער קען איינער... וואס קען א צווייטן... וואס קען א דריטן וואס קען זיך אויס מיט זייגערס... נו שוין! אזוי זע איך מיך ווייטער מיטן צובראכענעם זייגער, אבער יעצט שוין ביים זייגער מבין, ער זאגט אז איך זאל קומען צו אים מארגן צוועלף אזייגער, ער פארשפרעכט מיר אז דער זייגער וועט זיין ביים צוועלעוועער... און כך הוה, אזוי איז טאקע געווען, ער איז געבליבן שטיין ביים צוועלעוועער, דער זייגער האט זיך גאר ווייניג דערשראקן פון דעם מבין, ער רירט זיך נישט, ער האט א פאלעסי... שוין יארן וואס ער ווייסט אז פונעם צוועלעוועער רוקט מען זיך נישט.

די מעשה האט זיך ווייט נישט דא געענדיגט, ווען נישט אז איך ווייס אז מען האט גענוצט פאר דעם זייגער צוויי טויזענט פון די געלט וואס עס גיסט זיך השפעות וואלט איך עס שוין געשטעלט אין די זייט, אבער ווי אזוי קען איך גיין צו מיין שווער'ס הויז וה'זייגער איננו, עס האט מיך אביסל געבאדערט פארוואס דער זייגער איז מיר געווארן ממש ווי א ווידל, עס איז ממש געגאנגען ווירעל... ווי איך גיי פרעג איך יעדן 'אנטשולדיגט איר קענט זיך אפשר אויס מיט זייגער'ס...'

אזוי בין איך געגאנגען פון איין רעכל צום צווייטן, פון א צווייטן מעכל צום ערשטן, אבער דער זייגער האלט זיך ביי זיינס, עס איז צוועלף אזייגער, די צייט האט זיך געדרוקט און יארן האבן זיך אויך געדרוקט, און מיט די יארן בין איך נאכאלס נישט קלוגער געווארן.

***

אבער איך האב באמערקט אז נישט נאר דער זייגער שלעפ איך ארום, איך שלעפ 'זיך' ארום מיט 'זיך' זעלבסט, איך ארבעט נישט, איך טרעף מיך כסדר ווי א צובראכענעם זייגער, אבער אויף שברי שברים - פיץ פיצלעך, איך גיי פון איינער וואס קען א צווייטער וואס קען א דריטער וואס קען זיך אויס מיט חכמת הנפש, לאך נישט, עס איז געווען שוין נאכן סוקסעספול... אפשפרעכן אלע עין הרע'ס... און אלעס דורך הארציגע אידן וואס רעכענען א מינימאלע אפצאל, קיינמאל האב איך נישט געצאלט פאר קיינע פון די וואוילטעטיגע ארגאנעזאציעס קיין הונדערט דאלער קיין צוויי הונדערט דריי הונדערט... אפילו עס האט זיך געהאנדלט פון א גאר ביליגע שמחה פעקעדזש האבן זיי חס ושלום נישט גערעכנט קיין טויזנט דאלער... זיי האבן געוויסט אז איך קען זיך נישט עפארדן די אסטראנאמישע סומעס, זיי האבן מיט אזא רחמנות גערעכנט הונדערט ניין און ניינציג... צוויי ניין און ניינציג... ניין הונדערט ניין און ניינציג... לאך נישט, דו ווייסט וואס מען קען קויפן פאר א דאלער...

זיי מיינען נישט קיין שלעכטס, ער דארף דאך פרנסה, נו! דער דאלער וועט אים נישט ארעם מאכן, און ווייטער קוקענדיג אויף מיין טאש מוז איך זאגן אז ער האט מיך נישט איינגאנצן אויסגעזעקלט ער האט מיר אלעמאל זיכער געמאכט אז איך בלייב מיט א דאלער, אז אהיימגייענדיג זאל איך נאך קענען דעם קאנע סאדע איינקויפן, אוי די געגאדע פון די אפשפרעכער און טערעפיסטן האט דאך נישט קיין גרעניץ.

ווי זאגט פישי... אוי זאגט ער גוט... ער איז געפארן מיט לופטאנזא לופט ליניע, דארט האט ער געטראפן איינעם מזרע עמלק... איינעם פונעם דייטשישטער אפשטאם... ער געבט אים א פרעג: אנטשולדיגט! שפרעכן זי אפ עין הרע'ס...

אוי האט ער גוט געזאגט!

**און אזוי דריי איך מיך ארום מיט יסורים, א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, א יאר נאך א יאר, איך זוך דער וואס קען זיך מטפל זיין און העלפן, אבער דערוויילע האט זיך גארנישט געדרוקט.**

אהא! איך בין שוין א געהאלפענער, וואוו!

דער געבט סעלף קאנפידענץ, ווארט! עס גייט נישט אין איין סעשאן... און נישט מיט איין מאל צוויי הונדערט ניין און ניינציג! ניין, עס איז דריי שיעורים ביז ער קען עפענען דעם דעקל פון דעם זייגער? ניין, ער קען מיך עפענען און אנהייבן אריינקריכן, אבער נאכדעם בין איך גאראנטירט אז אויב עס ארבעט נישט באקום איך צוריק דאס געלט, ער הייבט זיך נאר אן נאך דריי סעסיעס (סעשאנ'ס) דעמאלטס הייבט מען אן די פראצעדור.

אה יענץ? יענץ האט נישט געארבעט, אודאי נישט, דאס איז א אלד פעשאנד וועג, עס איז סתם ארויסגעזויגן געלט, דו ווייסט נישט



אז עס איז דא א נייע מהלך, עס הייסט טערעפי...

אה, אזוי לויף איך ארום און עס דרייען זיך דורך יארן יארן, אבער קלוגער בין איך נאך אלס נישט געווארן, ווייל איך האב טאקע אויסגעגעבן פאר דעם טערעפיסט א פופציגער פופציג אלפים, אבער איך בין געוואויר געווארן אז זיין מעטאד איז נישט די ריכטיגע מעטאד נאר מען דארף טרעפן דעם ריכטיגן מענטש.

אזוי שלעפ איך מיך ארום און איך האב שוין געטראפן דעם ריכטיגן בחור, ער פארשטייט, ער האט עס ארויס, דער רעדט דאך אזוי גוט, קענסט פרעגן זיינע קליענטן, אלע זענען מודה אז דער איז דער מומחה.

**און אזוי דריי איך מיך ארום מיט יסורים, א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, א יאר נאך א יאר, איך זוך דער וואס קען זיך מטפל זיין און העלפן, אבער דערווייל האט זיך גארנישט גערוקט.**

מיין ווייב זאגט מיר אז עס האט נישט קיין זין אויפהערן גיין אויף טערעפי, אז מען איז צוויי דריי מאל אריינגעפאלן מיט א נישט גוטער טערעפיסט, מיינט נאכנישט אז טערעפי העלף נישט, ווי נישט זעסטו דאך אז די וועלט גייט צו טערעפי, עס מוז זיין אז טערעפיסטן טויגן, טאקע אפשר נישט צו מענטשן אבער צו כפרות טויגן טערעפיסטן... נו אז זיי טויגן אויף כפרות וועלן זיי דאך אויף מיר אויך טויגן.

**און אזוי דריי איך מיך ארום מיט יסורים, א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, א יאר נאך א יאר, און עס האט זיך אבער גארנישט גערוקט.**

איך האב טאקע געהערט ענליכע דיבורים פונעם טערעפיסט, ער טענה'ט אז די מאדעל איז א צובראכענעם מאדעל, פארשטייט זיך נאכן אויסזויגן מיינע לעצטע פופציג אלפים, פאר מיר... דם פאר מיר דם פאר מיין ווייב... צפרדע פאר מיר צפרדע פאר די קינדער... עקסטערע סעשאנס מיט שווערע געלטער, ביז ער האט טאקע געשאקלט די קאפ מיט ווייטאג אז מיין טאטע מאמע זענען שולדיג אין דעם גאנצן עסק, פארוואס האבן זיי מיך בכלל געבוירן, ער כאפט נישט אז אפשר בין איך טאקע געבוירן כדי ער זאל קענען חתונה מאכן זיינע קינדער, האסט געדארפט זען ווי שיין דער האט חתונה געמאכט, נו קען מען זאגן אז אומזיסט האבן מיר מיין טאטע מאמע געברענגט אויף די וועלט, אבער זעט אויס אז די בוך ווי ער האט שטודירט איז אויסגעלאפן פון עצות ווי אזוי דעם צובראכענעם נפש אויסצוזויגן, נו! האט ער טאקע געמאכט גאר א קלוגע מסקנה... אז איך בין געבוירן מיט גאר שווערע נאטורן... וואס מען קען נישט היילן, איך שטום נישט מיט מיין ווייב, מיין ווייב שטומט נישט מיט מיר און מיר ביידע אפילו עקסטער שטומען נישט, און אונזערע קינדער? פאר די רייט פרייס, (פארשטייט זיך אז מיר וועלן שיקן די געלט) וועט ער זיי עצה'ענען אז זיי זאלן אפהאקן פון אונז ווייל מיר די עלטערן זענען די פראבלעם, און מיר האבן זענען א געדעמיטשטע מאדעל... ואין לו תקנה אלא ... !



**און אזוי דריי איך מיך ארום מיט יסורים, א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, א יאר נאך א יאר, איך זוך דער וואס קען זיך מטפל זיין און העלפן, אבער דערווייל האט זיך גארנישט גערוקט.**

אה! איך האב אייך פארגעסן צו זאגן אז - ביני לביני - בין איך נישט געבליבן מיטן צובראכענעם זייגער. אין איינע פון די טעג האב איך אנגעטראפן א קלוגער איד וואס האט מיר געעפענט מיינע אויגן, קום נאר אהער יונגערמאנ'טשיק... א יונגערמאן? איך האב דאך שוין א גרויע בארד, יא יא, ער עפענט מיר דעם דעקל פונעם זייגער, שטארקע ברילן האב איך געברויכט, און דאס וואס איך האב געזוכט האב איך געטראפן דארט אויף דעם אנדערן זייט פונעם דעקל דארט האב איך געטראפן די פיצעלע אותיות, יא! איך האב געטראפן די נאמען פונעם מאנופעקטשורער, עס איז מיר געלונגען, און מיט די היינטיגע טעכנעלאגיע האב איך גאר געשווינד געטראפן די נומער אין די לאקאציע פונעם פאבריצירער פונעם זייגער, עס איז נישט אריבער אפאר וואכן און דער זייגער איז פאראכטן, אה די זיסע טאקט'ן פונעם זייגער האט מיך דערמאנט פון שנה ראשונה.. איך האב נאר געדארפט יעצט אפיר זוכן מיין וועסטל וואס



האט דעם ספעציעלן טעשל וואס דער שניידער טוט ספעציעל דעזיינען פארן חסידישן יונגערמאן ער זאל האבן ווי אריינצולייגן דעם טאשן זייגער.

מיין זייגער איז שוין פאראכטן אבער צו מיין צובראכענעם נפש האב איך נאכאלץ נישט געטראפן קיין טרייסט ביז איך האב געטראפן א חיזוק יומי וואס האט אפגעווישט אלע טעאריעס, אלע שפעקולאציעס, דער איד וואס רעדט דארט אין די חיזוק יומי זאגט: "עס איז דאך דא איינער וואס האט פארבריצירט דעם קאמפליצירטן נפש רוח ונשמה, עס איז דאך דא א מענופעקטורער וואס האט פראדוצירט דעם מאשין וואס זעט אויס ווי א דורכפאל.

עס איז דאך דא איינער וואס האט אויסגערעכנט און צאמגעשטעלט די צוויי מערסט קאמפליצירטע מאשינען, נו גיי צו אים, אז ער האט עס באשאפן, אז ער האט עס צאמגעשטעלט וועט ער דאך זיכער וויסן וואס דער אמת'ער פראבלעם איז, ער וועט דאך זיכער וויסן וואס איז ראנג מיט זיינס א פראדוקציע, ניין! ער מאכט נישט קיין טעותים! ניין! ער פארבריצירט נישט קיין כלים מיט פראבלעמען וואס מען קען נישט פאררעכטן! ניין! ער טוט נישט צאמשטעלן פעלערהאפטיגע זאכן.

נו אז מען קען זיך נישט קיין עצה געבן מוז זיין אז ער ווארט אז דו זאלסט צו אים קומען און ער וועט עס פאררעכטן.

האסט אלעס שוין פרובירט, דו דרייסטיך יארן יארן ביי מענטשן וואס האבן נישט קיין אהנונג די שיינקייט פון מיין יצירה, דו דרייסטיך ביי מענטשן וואס האבן נישט קיין אנונג וואס עס מיינט א בריאה פונעם אייבערשטן, און אודאי פארשטייען זיי נישט ווי אזוי דאס צו אפערירן, און ווען עס איז דא א פראבלעם גייסטו צו זיי, קום צו מיר, איך האב דאך דעם קאמפליצירטער מאשין פראדוצירט, וואס ווארטסטו, עפן שוין די קליינע אותיות און קוק זוך אום, נישטער, הער אויס ווער האט דיך געמאכט, ווער האט דיך באשאפן, ווער האט דיך אהערגעשטעלט, קום צו אים ער וועט דיך פארשטיין, ער ווייסט אז ער האט דיך נישט בטעות אזוי אוועקגעשטעלט.

גיי צו דער וואס האט אהערגעשטעלט די שיינע 'איך' 'זיך' 'מיך' און זאג: "אייבערשטער! איך בין אזוי קאמפליצירט, איך בין אזוי פארדרייט! איך בין אזוי צורודערט, אבער דו האסט מיך באשאפן און זיכער האסטו מיך באשאפן מיט א חשבון! דו טייערער באשעפער דו האסט מיך ארויס! פאררעכט מיך שוין! קיינער קען מיך נישט פארשטיין! קיינער אין די וועלט קען נישט צוריקשטעלן די צורידערטע כלי' נאר דו ווייל דו האסט מיך באשאפן, מיט אלע מיינע מידות וואס זעען אויס שלעכט, פארדרייט, פארקרומט, וועגן דעם אייבערשטער העלף מיך, לייג מיך אין די ריכטיגע פלאץ, גראד מיך אויס! מאך מיך געזונט! מאך מיך פרייליך! פאררעכט מיך ווי לאנג מען קען עס נאך פאררעכטן! ווייל קיינער קען מיך נישט פאררעכטן! קיינער נאר דו קענסט מיך פארשטיין!

אה! דאס איז וואס איך האב געזוכט, דער וואס האט פאבריצירט דעם צובראכענער 'איך' ער קען מיך, ער ווייסט פונקטליך וואס מיין פראבלעם איז, אוי פארוואס האב איך אזוי פיל צייט אויסגעגעבן פון איין מבין צום צווייטן, פון איין מהלך צו א צווייטער גלח...

און אזוי דריי איך מיך ארום פול מיט האפענונג! א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, א יאר נאך א יאר, איך האב געטראפן דער וואס קען זיך מטפל זיין איך האב געטראפן דער וואס קען העלפן, און איך גיי צום צדיק וואס האלט מיר עס אין איין חזר'ן און איין איבערזאגן, נאכאמאל און נאכאמאל, אזוי פיל וויפיל געלט די טערעפיסטן האבן ביי מיר אויסגעזויגן אזויפיל מאל טוט ער איבער'חזרן "גיי נישט צו קיינעם נאר צום אייבערשטן."

# הקריה מודעה

מיר ווילן לאזן וויסן די פרייליכע בשורה, אז עס איז יעצט דא שיינע נייע דירות אין שטעטל צו פארדינגען אויף די ירושלים גאס.

די דירות זענען הערליכע שפאגל נייע דירות, מיט א שיינע פאנאראמע פון אלע זייטן ארום.

הערליכע נייע גרויסע בית המדרש אויף דעם גאס, צוזאמען מיט א מקוה.

אויך איז דא פורנישד חתן כלה דירות אויסשטאפירט מיט אפלייענסעם.

אויב דארפט איר א דירה ביטע זיך מעלדן צום חבר הנהלה מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראסער**

# אוועקאדא מיט מצה



משה ארי' שניטצלער

זיצט אזוי די משפחה ביי מלוה מלכה, מ'פארברענגט געמיטליך, מ'שעפט נחת פון די קינדער און אייניקלעך, דא און דארט דערמאנט מען זיך אלטע משפחה-זכרונות, משפחה-וויצן, געדענקסט דעיס? געדענקסט יענץ? טאטי האט געזאגט אזוי, געזאגט אזי, געגאנגען דא, געגאנגען דארט.......

יוסי געדענקט ווי מ'פלעגט אהיימקומען מוצאי שבת פון זיידי'ס מלוה מלכה מיט די קאר, מ'קומט לעבן די הויז, פלוצלונג טאטי הייבט אן פארן און פארן אוועק פון די הויז, אלע קינדער פרעגן וואס גייט פאר? טאטי זאגט איך זיך פארקינג...... מ'זעט שוין די מאנהעטן ברידזש..... טאטי' וואס גייט פאר? גארנישט גייט נישט פאר.... איך קען נישט טרעפן פארקינג...... אפשר אריבער די מאנהעטן ברידזש וועל איך טרעפן פארקינג..... די קליינע קינדער האבן זיך געקייקלט פאר געלעכטער פון אונזער מעכטיגע טאטע וואס מאכט אזעלכע יאממי' טריקס.......

הערשי רופט זיך אן טאטי איך געדענק איין זאך פון די יונגע יארן, ווי נאר מ'האט אנגעהויבן גיין ערגעץ חול המועד, ווי נאר ס'איז אדורך די ערשטע דרייסיג מינוט האט טאטי געמאכט אן אלארם!! מנחה!! מנחה!!

דאס איז געווען איינס פון די שענסטע קאמפלימענטס וואס א קינד האט געקענט געבן דעם טאטן!

עס איז ווארי! ס'איז טאקע אזוי געווען! אבער כ'האב נישט געהאט קיין ברירה, כ'האב עס געמוזט טון, ווייל מוהרא"ש האט מיך געברע'ינוואשד אז מנחה ברענגט געלט.

מוהרא"ש פלעגט זאגן כמעט יעדן דאנערשטאג נאכט ביים שיעור אז ווער עס וויל געלט זאל טון אלעס אין די וועלט צו דאווענען מיט מנין. נו, וואס טוט מען נישט פאר געלט.

אבער וואס הערשי האט נישט געוואוסט איז, אז בשעת מעשה האט דער טאטע געפילט אזוי גילטי, פארוואס דארף איך קרעש'ן מיין משפחה'ס חול המועד?! וואס טוט יעדער? וואס טוען אנדערע? פארוואס קענען אנדערע פארן פון פארטאגס און איך הייב אן אום איינס אזייגער און מ'שמייסט אריין גלייך אין די "מנחה סיטשועישן"? פארוואס דארף איך זיין אנדערש ווי יעדער?!

פעסט פארווארד פופצן צוואנציג יאר און מיין זון זאגט טאטי ביסט דאך געווען אזא גוטע טאטע! שכח טאטי פאר נישט הארכן די געוויינערליי פון די קליינע קינדער! שכח טאטי פאר לויפן אין שול צו מנחה! שכח טאטי אז דו האסט מיר אריינגעלייגט א בילט-אין אלארם סיסטעם, מנחה!!! מנחה!!!!

שכח אייבערשטער פאר יעדע חול המועד וואס אונז האב מיר געדאווענט מיט די ראש ישיבה! ס'איז דאך ווערט אלע געלטער! א טעם אין הללו!!! א טעם אין יום טוב!! אוי די שיינע הארציגע ניגונים אויף "פתחו לי".

ס'איז ממש א נס פון הימל, איך וואלט דאך געדארפט זיין די מעכטיגע טאטע וואס טראגט די קינדער קיין פאנאמא קאנאל צו סנארקל'ען אונטער



די שארק׳ס, און דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשלעפט צו דאווענען אזוי שיין מיט אזא שיינע יום טוב׳דיגע הלל, און נאכדעם א פרק משניות און א דף גמרא, נישט דא קיין ווערטער דיך צו דאנקען, טאטע זיסער.

שוין, ברוך השם, אפגעדאוונט מיט די ראש ישיבה, די זייגער שלאגט שוין צוועלף אזייגער, גיימער אהיים עסן אוועקאדא מיט מצה, אייער שפייז מיט טשיז, סמייטע מיט פיינעפל, אוי ווי גוט צו זיין א איד!

מ׳גייט שוין פאקן די חול המועד בעג! אראנדזש, גרעפפרוכט, עפלעך, ניסלעך, אייער, מצה, טרינקען, מאמי׳ס בראוני קעיק, וכל המוסיף מוסיפין לו, ובלבד שיכוין לבו אז מ׳מוז שלעפן צען מאל מער ווי מ׳גייט באנוצן.

יעצט וואו גייט מען? בראנקס זו! ניין! פראספעק פארק זו! קאני איילענד אקווועריום! בער מאונטען! טעילער ריידס!

מ׳גייט אין קאר און מ׳עט שוין זען!

סיט בעלט! עס נאכנישט קיין נאש! ס׳איז פאר שפעטער! טשעפע נישט די בעיבי! געב אים די צומי!

אקעי ס׳איז שוין נאך צוויי אזייגער! אלעס איז אויף האלד! מ׳גייט קודם דאווענען מנחה אין גרויסן שול אויף ראדני.

שוין, ברוך השם געדאוונט פאר׳ן בורא כל עולמים.

ברוך השם, מ׳קוקט צוריק יארן שפעטער, וואס בלייבט? שחרית מנחה מעריב.......

אודאי האבן מיר גענומען די קינדער דא און דארט, אבער זיי האבן שטארק געפילט וואס איז די עיקר און וואס איז די טפל, די עיקר איז די דאווענען, די עיקר איז דאווענען מיט די ראש ישיבה, און דערנאך וועלן מיר גיין אין די זו צו מאכן זיכער אז די מאנקי האט גענוג בענענעס, די מאלפע וועט מוזן ווארטן ביז די ראש ישיבה ענדיגט דאווענען. אויב ס׳געפעלט אים נישט קען ער עסן די מאקארונס פון די אידן וואס לויפן אין זו אכטע צופרי.

איך דערמאן זיך פון א חול המועד אלס קינד, מ׳האט זיך צוטיילט, מיין מאמע מיט די טעכטער זענען געגאנגען שאפינג, און מיין טאטע מיט די יונגלעך זענען געגאנגען קיין וואל סטריט...... יא, וואל סטריט פון די וואל סטריט דזשורנאל..... מ׳גייט קענען זען די בערזע! מ׳גייט זען די סטאק מארקעט! די פלאץ וואו מ׳מאכט אזויפיל געלט (אדער אזויפיל חובות......).

אונז זעמיר אריין צו א קאמפאני אויף וואל סטריט וואס הייסט ״וואטערהאוז סעקיוריטיס״ און מיר קוקן זיי אן אזוי ווי כאלו מ׳קען דא דרוקן א קנעפל און סע׳פליט הונדערטערס אן א עק........

אונז פרעג מיר זיי, וואס טו איך אויב איך וויל קויפן סטאקס? זאגן זיי דאס טוען מיר דאך! איך קען קויפן פאר פופציג דאלער? יא! מ׳לייג מיר אראפ א פופציגער און מיר זענען פאלגע סטאק-טרעידערס!! (זיי מיך נישט מקנא! לא תחמוד!) מיר שפרייזן ארויס פון זייער אפיס מיט די הארטע געלע גרויסע ענוועלאופ וואס איז א עדות אז מיר זענען נישט





קיין געווענליכע מענטשן! נאר דעי-טרעידערס!! יעצט וועלן שוין מיינע חברים האבן ריספעקט פאר מיר! בי קערפולל!!! דו רעדסט מיט א סיריעס סטאק אינוועסטאר!

וואס נאך געדענק איך פון אלץ קינד? איך געדענק די בראנקס זו, סטעטן איילענד זו, באטעניקל גארדן, עליס איילענד, סטעטשו אוו ליבערטי, איינמאל זעמיר געווען אין שעכטערס סעמינאר (מוהרא״ש האט דערציילט אז ער איז דארט געווען, דארט האט ער געהאט ספרים וואס מ׳האט נישט געקענט האבן ערגעץ אנדערש, מוהרא״ש פלעגט זאגן וועלכע ספרים, אבער איך געדענק נישט יעצט אויף זיכער, אפשר די ספרים פון ר׳ משה קורדיווירו זכותו יגן עלינו, אדער אנדערע ספרי קבלה)

כמעט יעדן צווייטן חול המועד זענען מיר געפארן באזוכן אונזער עלטער מומע, וואס איז אויך, גראדע, געווען א עלטער מומע פאר ר׳ אייזיק אפפעל נ״י, איר מאן איז געווען ר׳ שלמה הכהן ראזנבערג ע״ה, א נאנטער קרוב פון ר׳ יודל ז״ל, וואס האט געמאכט א רעוואלוציע אין אמעריקע מיט מאכן זומער-קעמפס וואו מ׳וועט יא לערנען, און נישט נאר שפילן בעיסבאל, בעסקעטבאל, טעניס, און סאקקער פון צופרי ביז ביינאכט. איר׳ס אן אור אייניקל איז א מלמד אין קרית ברסלב, און איר אור אור אייניקל לערנט אין ברסלב אין וויליאמסבורג.

אבער אזוי גייט עס מיט חינוך, פון אנהייב האט מען א שטיקל גילט, א שולד-געפיל, אבער שפעטער איז בלויז נחת.

איך געדענק קלאר אזא עפיזאד ווען מיין טייערע מאמע האט מיך געמוזט שטעלן אין פלאץ, און אך און ווי ווען זי טוט נישט וואס זי האט דעמאלטס געטון.

ס׳איז געווען זונטאג האזינו תשד״מ, פיר אזייגער פארטאגס, מ׳שטייט אויף צו די ערשטע טאג סליחות, מ׳גייט אין גרויסן בית המדרש אויף ראדני סטריט, די התעוררות איז גרויס, איך בין געווען א אינגל אין כתה ו׳, מען האט יענע יאר געלערנט מסכת ביצה, די ערשטע פרק.

נאך סליחות, ווען מ׳קומט אהיים, האב איך געהאט בויך ווייטאג, (לכאורה איז עס געווען גארנישט מיט נישט, נאר פון ווייניג שלאפן, ובפרט נאך שבת, האב איך געהאט בויך דרייעניש) מיין מאמע האט געזאגט איך זאל בלייבן אינדערהיים זיך אויסרוען, נישט גיין אין חדר.

שפעטער קומען אהיים פון סליחות און דאווענען מיינע צוויי עלטערע



ברודערס, במשך׳ן טאג הייב איך אן זען א זאך וואס איך האב נישט געקענט אויס׳חלומ׳ען אין ווייטסטן חלום! בחורים האבן בין הזמנים!! וואס?! וואאאאאסס?!!!! בין הזמנים?! זיי מוזן נישט גיין אין ערגעץ?! נאו ווע!!!!! וואו בין איך?! וואו איז מיין בין הזמנים?! וואס גייט דא פאר?! פארוואס איך מוז גיין זיצן אין קלאס און זיי נישט?! ס׳האט מיר גערודערט אין מח! איך קען נישט פארשטיין וואס איז די מעשה דא?!

דעמאלטס האט מען אביסל איבערגעבויט ביי מיין טאטן, ארומגעטוישט צוויי שטובער, אזוי איז געווארן מער פלאץ און די הויז, און מיינע ברודערס עסן פרישטיג אינדערהיים און זעען די קאנסטראקשן, און איך מוז גיין אין חדר?!

איך ווייס נישט וואס, אבער די נעקסטע טאג ווען ס׳איז געווען צופרי די צייט פון גיין אין חדר, האב איך געפילט אביסל איבעלדיג, (היינט קען איך קלאר זאגן אז ס׳איז געווען נאר פון באקומען א נייע איידיע אז ס׳איז דא דרייצן יעריגע קינדער וואס מוזן נישט גיין אין חדר פאר א חודש צייט, און פארוואס מוז איך יא?!) מיין מאמע האט געזאגט איך קען בלייבן אינדערהיים.

מיין מאמע האט מיך גענומען צום דאקטער, דאקטאר ראזמאן, אויף ראטלעדזש, לעבן לי עוועניו, (ס׳איז מיר אלץ געווען אינטערעסאנט אלץ קינד ווי ס׳איז געהאנגען אין זיין אפיס א היתר הוראה פון ישיבה יוניווערסיטי, כ׳האב נישט געוואוסט פארדעם אז ס׳איז דא מענטשן וואס רופן זיך ״ראביי דאקטאר״) דער



דאקטער טשעקט מיך אויס און זאגט פאר מיין מאמע דאס קינד ליידט אויף "חדר קראנקהייט"...... ער איז געזונט ווי צען אקסן, און וואס איז די לעזונג? ער מוז גיין אין חדר! אויב נישט וועט עס נישט ווערן בעסער!

די נעקסטע טאג האב איך ווייטער געפילט איבלניש, מיין מאמע האט מיך געוואלט העלפן, האט זי מיך געוואלט באגלייטן צום באס, די באס פלעגט סטאפ'ן ביי שפיצערס גראסערי אויף בעדפארד ביי ראטלעדזש, אזוי ווי אונז גיי מיר אריבער די גאס אויף פען סטריט זאג איך פאר מיין מאמע אז איך דארף ברעכן...... (נישט קיין ליגנט, אויף יענע מינוט האב איך אזוי' געפילט - יא, ס'קען זיין אז די שורש איז פון די מחשבה און נאך אלץ זאל מען עס עכט פילן) אונז האב מיר זיך אויסגעדרייט און אהיים, אין איין סקונדע בין איך געווארן געזונט!!!!! נישטא קיין ברעכן! נישטא קיין איבלען!!! אז מ'גייט נישט אין חדר בין איך פלוצלונג געזונט!

מיין מאמע האט מיר שיין מסביר געווען אז מיין איבלען קומט פון נישט וועלן גיין אין חדר, און מ'קען נישט אזוי לעבן, און איך וועל מארגן מוזן גיין אין חדר, קאם וואט מעי!!!

איך האב גוט פארשטאנען וואס מיין מאמע זאגט, כ'האב זייער גוט געוואוסט אז דאס איז די אמת, און עס איז פאר מיין אייגענע טובה צו פארמאכן דעם קאפיטל ווי שנעלער.

די נעקסטע טאג האט מיין מאמע מיך באגלייט צום באס, אינמיטן וועג זאג איך איר אז איך פיל אז איך גיי ברעכן, זאגט מיין טייערע מאמע, אז דו ווערסט היינט גיין אין חדר ווערסטו מער נישט פילן קיין איבלנישן ווען דו גייסט אין חדר, קודם גיי, און אויב דו פילסט נישט גוט ווערסטו אהיימקומען.

איך קוק אויף מיין מאמע און איך זע ווי פון איין זייט פילט זי אביסל שלעכט פאר מיר אז איך וויל נישט יעצט גיין, אבער איך האב געזען ווי זי האלט זיך שטארק קעגן איר אינסטינקט.

יעצט, ווען איך בין, ברוך השם א טאטע און זיידע, פארשטיי איך גוט די שטארקקייט וואס מיין מאמע האט דעמאלטס געהאט צו שיקן אין חדר א קינד וואס וויינט אז זיין בויך טוט וויי. אונז ביידע האבן דעמאלטס געוואוסט אז דאס איז די ריכטיגע און איך באדאנק מיין טייערע מאמע פאר איר שטארקקייט.

אין חדר האב איך טאקע געטראכט ווי אזוי פיל איך? יא גוט? נישט גוט? ווי אזוי קען זיין אז מ'פילט נישט גוט פון נישט וועלן גיין אויף א פלאץ? ס'איז מיר געווען באמת א וואונדער, אבער די נעקסטע טאג איז געווען לא דובים ולא יער, די גאנצע מעשה איז געווארן פארגעסן, ברוך השם. געגאנגען אין חדר און געטאנצן מיט אלע קינדער אזוי ווי ס'איז קיינמאל נישט געווען עפעס.

יעצט לאמיר נאר זען צו ס'איז דא אזא זאך אין ברסלב'ע חדר, אז א קינד זאל נישט ליב האבן חדר.........

יעצט לאמיר פרעגן סיי וועלכע קינד פון ברסלב'ע חדר און סקול, האסט ליב חדר? האסט ליב דיין רבי? האסט ליב דיין טיטשער? דיין טיטשער האט דיך ליב? דיין רבי האט דיך ליב?

לאזט מיך וויסן וואס דאס קינד האט געענטפערט.......



# שטעטל נייעס

## גרויסע חלוקות אין שטעטל לכבוד יום טוב



דער הערליכער שטעטל קרית ברסלב ליבערטי האט געטרודערט אין די טעג פאר פסח מיט גרויסארטיגע חלוקות פאר אנשי שלומינו אויף יום טוב, וואס איז געווארן אהערגעשטעלט דורך די וואויל באקאנטער בית התבשיל.

די חלוקות זענען געווען איינגעטיילט אין אפאר עקסטערע צייטן, די מנהל מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו צוזאמען מיט מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו און מו"ה אברהם דוד לאקס הי"ו האבן געארבעט גאר שווער דאס אהערצושטעלן, אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב פון אלע זייטן, סיי לגבי געלט, אז דאס זאל זיין געקאווערט, און סיי די טעקניקעל חלקים דערפון, אז אלעס זאלן ארבעטן מיט א געוואלדיגע גוטע סיסטעם.

עקסטער איז געווארן אויסגעטיילט שווערע טויזנטער דאלער אין גראסערי וואס איז אריינגעלייגט געווארן דירעקט אינעם אקאונט פון פילע תלמידי חכמים און נויטבאדערפטיגע משפחות, וואס דערמיט האבן זיי געקענט איינקויפן אלעס מכל טוב וטוב לכבוד יום טוב.

אנשי שלומינו זענען גאר דאנקבאר פארן בית התבשיל, פארן דאס אהערשטעלן אויף אזא שיינעם אופן, נאך שענער און בעסער ווי די פריערדיגע יארן ביז אהער.

אויך האט מען פאר פסח אויסגעטיילט פאר אנשי שלומינו גאר אסאך טויזנטער דאלער ווערד אין קופאנס צו פארשידענע געשעפטן. די קופאנס וועלכע האבן צוגעשטעלט צווישן 20% און 50% דיסקאונט צו פילע וויכטיגע סטארס, האט מען אויף די אנווייזונג פון ראש ישיבה שליט"א געטיילט לכל דכפין, ווער עס האט געבעטן, כדי אז אלע וואס דארפן עס האבן זאלן האבן א שמחת יום טוב און הרחבת הדעת.

די קופאנס צו פילע פראדוקטן וואס מען דארף איינקויפן יעצט פאר יום טוב, האט אריין גערעכנט די ספרים סטאר, די פיש סטאר, דריי גודס אין שטעטל, שיך פאר קינדער און ערוואקסענע, קינדער וועש ביי קינדער קארנער אין קרית יואל, חסידישע מלבושים דזשי דזשי - גלויבער - דזשי בי פון איבערראל, עטליכע פירמעס הוט סטארס אין וויליאמסבורג, און עטליכע געשעפטן פון פרויען קליידער אין וויליאמסבורג.

די קופאנס איז געווארן געדעקט דורך הרב אלחנן רוטה שליט"א וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געשטעלט צו זיין גבאי דערויף, און ערמעגליכן אז דאס זאל זיין צושטאנד קומען.

די אלע פראיעקטן קומען צו ערפילן די ציל, אז אלע זאלן האבן וואס זיי דארפן לכבוד יום טוב און מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מיט הרחבת הדעת, און דעם וואס די חובות זאלן חס ושלום דרוקן אויפן הארץ.

**רבי נתן האט געזאגט: "אויף פסח וועט זיין, אבער וואו נעמט מען די פסח אליין".**



## היכל הקודש
# נייעס

**אמעריקא**

## פרישע ספרים ארויס פון דרוק אינעם בית הדפוס




גוטע נייעס הערט מען פון בית הדפוס, אז עס איז נארוואס ערשינען דעם ספר "לייט אף אמונה חלק ב'.

אין דעם ספר "לייט אף אמונה חלק ב'", גיט דער ראש ישיבה ווייטער גאר שיינע תשובות צו די מערסט קאמפליצירטסטע שאלות אין לעבן, אלעס ארויסגענומען פון הייליגן רבינ'ס ספרים. דער ספר באהאנדלעט פילע שאלות פון ווי שלום בית, נפשיות'דיגע פראבלעמען, חינוך, און פראקטישע עצות וואס די לייענער קענען פאקטיש אויספירן צו פארבעסערן זייער לעבן.

אויב ליינט איר ענגליש, פארפאסט נישט די געלעגענהייט צו קויפן דעם ספר און מיט דעם וועסט קענען שפירן אן אמת'ע קרבת אלוקים, און שפירן די "ליכטיגקייט פון אמונה"!

זייט דער ערשטער באנד עצתו אמונה אויף ענגליש איז ארויס פון דרוק, הערט מען נישט אויף צו באקומען בקשות פון די ענגליש רעדנדע ציבור ווי מען ווארט שוין אויף נאך. כלל ישראל איז הונגעריג אויף די הייליגע דיבורים פון הייליגן רבי'ן, אידן ווילן זיין וואויל, אידן ווילן זיין ערליך, דער סמ"ך מ"ם זוכט ווי ער קען אראפ ווארפן אידישע נשמות, צוברעכן די אידישע גייסט. און ווען מען קאסט די טעם פון די "אונגארישע ווייין" די לויטערע הייליגע עצות פון הייליגן רבי'ן קען מען נישט זאט ווערן.

דערפאר קענען מיר נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן אז נאך אזויפיל מיה און פלאג, האלט מען שוין דא אז דער צווייטער באנד עצתו אמונה - אדער ווי עס ווערט גערופן אין ענגליש Light of Emunah - איז שוין ארויס פון דרוק מיט איבער הונדערט שאלות ותשובות איבער אלע ענינים וואס א מענטש קען נאר טראכטן (ווי אויסגערעכנט שפעטער), דער ספר איז הערליך געשריבן און איבערגעטייטש די ווערטער פונעם ראש ישיבה אין א קלארע און פליסיגע ענגליש, און איז איבער 280 זייטן אנגעפולט פון דעקל צו דעקל מיט עצות חיזוק און הדרכה, וואס איינמאל מען הייבט עס אן צו לערנען וועט מען נישט קענען אראפ לייגן ביזן סוף.

דער הערליכער ספר פונעם ראש ישיבה שליט"א "The Light Of Emuna" - וואָס איז "עצתו אמונה" איבערגעזעצט אויף ענגליש - איז שוין דא צו באקומען ביי די מפיצים.

אויך איז נארוואס ערשינען דער ערשטער USB מיט מעשה'לעך פאר קינדער פארציילט דורך ראש ישיבה שליט"א, וואס וועט לערנען מיט די קינדער מידות טובות, לעבן מיט די תורה און יראת שמים.

קינדער און עלטערן צוגלייך זאגן אלע פה אחד ווי זיי זענען זיך מחי' פונעם נייעם אלבום פונעם ראש ישיבה. דער USB דרייוו איז אנגעפילט מיט הערליכע מעשיות וואס ברענגען פאר די קינדער אמונה, יראת שמים, זיך פרייען מיט די מצות, זיך פרייען אז מען איז א איד, וואס וועט זיי באגלייטן דעם גאנצן לעבן.

דאס אנשפרעכט צו מאכן א רעוואלוציע ביי די קינדער, אנשטאט מען זאל הערן נארישע אלבומ'ס וואס ברענגט גארנישט ארויס, אדער אין בעסטן פאל ניגונים פון זינגער'ס וואס אמונה איז ביי זיי א ווייטע זאך, וועלן זיי יעצט זיך קענען דערקוויקן אין בעט פארן גיין שלאפן, אין קאר אויף א לענגערע נסיעה אדער סיי וואן מיט די הערליכע נייע USB ווי דער ראש ישיבה דערציילט די הערליכע מעשיות פון צדיקים וואס וועט אויפפלאמען זייער הארץ אויך צו וועלן ווערן ערליכע אידן.

דער ראש ישיבה האט מקבל געווען פון מוהרא"ש וועלכע מעשיות מען דארף פארציילן פאר קינדער, אזוי אויך "וויאזוי" מען פארציילט א מעשה פאר קינדער. די מעשיות זענען פארזיכטיג אויסגעקליבן געווארן צו זיין דאס מערסטע צוגעפאסט פאר די טייערע צאן קדשים, די קינדערלעך וואס מען קען זיי נאך אסאך גרינגער בייגן און אסאך גרינגער אריינפלאנצן אין זיי די ריינע אמונה, און יראת שמים און יראת חטא.

דער USB קומט אינאיינעם מיטן ביכל אויף אידיש וואס איז שוין געווען צו באקומען א שטיק צייט, וואס איז צוכאפט געווארן דורך אלעמען וואס איז געדרוקט געווארן מיט שיינע קאלירטע בילדער מיט קלארע געפינטעלטע אותיות, אויף לעמינעיטעד פאפיר, מיט וואס קינדער וועלכע קענען שוין עברי' וועלן זיך מחי' זיין מיטצוהאלטן אינאיינעם.

**על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו.**

# דעם רבינ'ס ציון

מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א



"ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, קיינער טאר נישט פעלן" - די ווערטער פון הייליגן רבי'ן ברענגען אונז יאר יערליך צום ציון הקדוש, קודש קדשים, אין אומאן אויף ראש השנה.

לאמיר זיך מער באקענען מיט די רייכע היסטאריע פונעם ציון הקדוש אין אומאן, לכבוד יום טוב פסח קומט מיט אונז אויף א רייזע איבער די השתלשלות פונעם הייליגן רבינ'ס ציון אין עיר הקודש אומאן.

**קִרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם!**

## קדושי אומאן

מיר זענען היינט צוגעוואוינט אז אוקריינא איז א לאנד פאר זיך. אמת טאקע, רוסלאנד פרובירט שוין איבער א יאר עס צו פארכאפן, אבער ביזדערווייל איז אוקריינא א באזונדערע לאנד. דאס איז היינט - אבער פאר ביז בערך צוויי הונדערט און פופציג יאר צוריק איז אוקריינא געווען אונטערגעווארפן אונטער די פוילישע מלוכה, די אוקריינער האבן זייער געהאסט די פוילישע אויבערהארן. דאס איז געקומען צו א ענדע אין די יארן ארום תק"כ, ווען די אוקריינישע פויערן האבן זיך צאמגענומען צו מאכן א אויפשטאנד קעגן די פוילישע מלוכה, ווי געווענטליך אין אזא צייט ליידן די אידן דאס מערסטע.

עס האבן זיך אנגעהויבן פאגראמען איבער גאנץ אוקריינא ווי הונדערטער און טויזענטער אידן זענען גע'הרג'עט געווארן על קידוש השם. די קלימאקס איז געווען אנהייב זומער פון יאר תקכ"ח, ווען אוקריינא האט ווידער אנגעהויבן ברענען מיט פאגראמען. די שטאט אומאן איז געווען א פארמויערטע שטאט, וועגן דעם זענען פולע אידן פון די אומגעגענטער געלאפן קיין אומאן זיך צו באהאלטן.

דאס איז געווען ווען די פאלאקן האבן געשיקט א רוצח - א גרויסע שונא ישראל מיט'ן נאמען גאנטע ימח שמו וזכרו, אז ער זאל אונטערדרוקן די אויפשטאנד. למעשה האט דער רשע גאנטע - אינאיינעם מיט זיינע מיליטאנטן - זיך אויסגעדרייט די רוקן, און קאלאברירט מיט די אוקריינער רוצחים, ער איז גאר געווארן דער פירער פון די צוויי באנדעס פון אויפשטענדלער. ווען די רשעים זענען אנגעקומען צו די שטאט אומאן האבן זיי אנגעהויבן הרג'ענען אידן, עס זענען זיי אנטקעגן געקומען קצבים און בוטשערס וואס האבן פרובירט זיך קעגן שטעלן, אבער זיי זענען געווען צו שוואך אנטקעגן די אוקריינער רוצחים גרופע וואס איז געווען געפירט אונטער גאנטע ימח שמו.

מיט א גאנצע חכמה האט דער


מוהרא"ש זי"ע ביים ציון פון רבין תשמ"ז


מוהרא"ש זי"ע צינדט א ליכט ביים ציון פון רבין תשמ"ז

אכזר גאנטע ימח שמו זיך אריינבאקומען אין די פארמויערטע שטאט אומאן און פארגעזעצט מיט די שחיטות אנטקעגן די אומגליקליכע אידן. זייער אסאך אידן זענען אנטלאפן צום שטאטישן שול. דער רשע גאנטע ימח שמו האט געשטעלט א נידריגע חופה פארנט פונעם שול, און דערנעבן האט ער געשטעלט א צלם, און ער האט געזאגט אז ווער עס וועט זיך אונטערבייגן וועט געראטעוועט ווערן. קיינער פון די אידן האבן זיך נישט אונטערגעבויגן, און זיי זענען טאקע גע'הרג'עט געווארן לא עלינו.

דעמאלטס איז געווארן א געוואלדיגע קידוש השם. עס האט זיך ארויסגעוויזן די שיינקייט פון אידישע קינדער ווען קיינער האט זיך נישט אונטערגעגעבן און זיך געביקט צום צלם.

### ר' דוד חזן

עס איז געווען איינע פון די צדיקים נסתרים פון יענעם דור - א תלמיד פונעם הייליגן בעל שם טוב - מיטן נאמען ר' דוד חזן. דער בעל שם טוב האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "אסאך אידן וועלן זיך נאך ראטעווען מיט דיין גארטל". אין יענע תקופה איז עס מקוים געווארן, ווען דער ר' דוד איז אנטלאפן מיט א קליין הייפעלע אידן. זיי האבן זיך באהאלטן אין א הייל אין שטאט אומאן, און זיך



די אהל וואס איז געשטאנען ביז אין יאר תש"ד

אזוי געראטעוועט. ווען זיי זענען ארויסגעקומען האבן זיי געזען די שרעקליכע חורבן וואס דא איז געשען רחמנא לצלן.

### דרייסיג טויזענט קדושים

דרייסיג טויזענט אידישע קינדער זענען גע'הרג'עט געווארן מיט די גרעסטע מיתות משונות ואכזריות רחמנא לצלן דורך די אוקריינער רוצחים אין שפיץ פון דער אכזר און רוצח גאנטע ימח שמם וזכרם.

ווען דער צדיק רבי דוד חזן איז ארויסגעקומען האט ער זיך גענומען צו די הייליגע ארבעט, ער האט צאמגעקליבן די אלע הייליגע גופים פון די קדושים און זיי באערדיגט אין די בית החיים אין אומאן. פון דעם זענען געשאפן געווארן צוויי הויכע בערג.

ר' דוד האט פארפאסט א קינה 'קינת אומאן' ווי ער האט באוויינט די שרעקליכע גזירות וואס זענען פארגעקומען אין יענע דריי טעג פון ה' ו' ז' תמוז. די מגילה פלעגט מען ליינען אלע יארן אין אומאן.

דאס האט פאסירט אין יאר תקכ"ח פיר יאר איידער דער הייליגער רבי איז געבוירן געווארן.

### דאס ערשטע מאל דער רבי אין אומאן

ווי באוויסט איז דער רבי געבוירן געווארן אין שטאט מעזיבוזש, ווי ער האט געוואוינט ביז זיין חתונה. דערנאך האט דער רבי חתונה געהאט אין הוסיאטין.

פון אייר שנת תקנ"ח ביז א יאר דערויף תקנ"ט איז דער רבי געווען אין ארץ ישראל, תק"ס האט דער רבי געוואוינט אין מעדוועדיווקע, שפעטער האט דער רבי זיך אריבערגעצויגן קיין זלאטיפאלי ווי ער האט געוואוינט דארט צוויי יאר, פון יאר תקס"א ביז סוף יאר תקס"ב, דארט האט זיך אנגעהויבן די מחלוקת אויפן רבי'ן, דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אז ער האט געליטן צוויי יאר גיהנום אין זלאטיפאלי.

אין יאר תקס"ב איז דער רבי געפארן קיין טולטשין צו זיין פעטער דער הייליגער רבי ברוך פון מעזיבוזש זכותו יגן עלינו, ער האט אים געבעטן אז ער זאל אים געבן א מקום מנוחה ווי זיך צו באזעצן.

### דער רבי אויפן וועג זיך צו באזעצן אין ברסלב

האט אים דער הייליגער רבי ברוך'ל געזאגט אז דא נישט ווייט איז דא א שטאט וואס הייסט 'ברסלב', און ער קען דארט גיין וואוינען. ער האט באלד געשיקט

א בריוו צו די ראשי קהילה פון ברסלב ר' משה חינקעס און ר' אברהם פייעס, אז זיי זאלן אויפנעמען דעם רבי'ן. די ראשי קהילה זענען געקומען און פארבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל זיך קומען באזעצן אין שטאט ברסלב.

**דא איז גוט צו ליגן**

דער רבי איז דעמאלט צוריק געפארן צו שטאט זלאטיפאלי אפצונעמען זיין משפחה צו פארן צום שטאט ברסלב. אויפן וועג פון זלאטיפאלע קיין ברסלב דארף מען דורכפארן דעם שטאט אומאן. און אזוי איז טאקע געווען, דאנערשטאג פרשת ראה כ"ח אב איז דער רבי אריבערגעפארן די שטאט אומאן אויפן וועג פון זלאטיפאלי קיין ברסלב, דער רבי איז אריינגעקומען אין שטאט פון די זייט ווי עס געפינט זיך דער אלטער בית החיים, דער רבי האט געהייסן דער בעל עגלה אפשטעלן דעם וואגן, דעמאלט האט דער רבי געזאגט "ווי גוט און שיין איז דא צו ליגן". דער רבי איז אריין ביז אינמיטן פון בית החיים און האט זיך געשטעלט אויף א געוויסע פלאץ. דער רבינ'ס פנים איז געווארן רויט און צופלאמט, און ער האט געזאגט "דא איז גוט צו ליגן"! דאס איז געווען צווישן די צוויי בערג ווי עס זענען געליגן באערדיגט די דרייסיג טויזנט 'קדושי אומאן', וואס דארט איז שפעטער טאקע געווען די פונקטליכע פלאץ ווי דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעקליבן שוין ניין יאר איידער ער איז נפטר געווארן, אז דארט זאל זיין די הייליגע פלאץ ווי עס איז ביזן היינטיגן טאג - דער הייליגער פלאץ דער קודש הקדשים דער הייליגן רבינ'ס ציון. דערנאך איז דער רבי צוריקגעגאנגען צום וואגן און איז אריין אין שטאט. יענעם שבת פרשת ראה האט דער רבי געוויילט אין שטאט אומאן, ער איז איינגעשטאנען ביי איינעם פון זיינע מענטשן ר' אברהם חיים.

**די משכילים פון אומאן**

אומאן איז געווען די נעסט פון די גרויסע משכילים, צווישן זיי זענען געווען די משכילים חייקל הורוויץ, און זיינע צוויי איידעמער הירש בער הורוויץ און משה לאנדא, זיי זענען געווען גרויסע עשירים און מקורבים למלכות, זיי זענען געווען תלמידים פונעם גרויסער משכיל נפתלי הירץ וויזל שם רשעים ירקב.

זיי זענען געווען געוואלדיגע מתנגדים אויף די תלמידי בעל שם טוב, און זיי האבן טאקע מיט זייער כח ארויסגעטריבן יעדן צדיק בפרט פון די תלמידי בעל שם טוב הקדוש, וואס האט זיך געוואלט באזעצן אין שטאט אומאן. דער הייליגער בארדיטשובער רב זכותו יגן עלינו האט געדארפט ווערן רב אין אומאן, אבער זיי האבן מיט זייערע כוחות פאראַרבעט אז מען זאל עס נישט צולאזן. אזוי אויך דער הייליגער רבי יעקב שמשון פון שפיטיווקא זכותו יגן עלינו האט געזאלט ווערן רב אין אומאן און זיי האבן נישט צוגעלאזט.

יעצט ווען זיי האבן אויסגעפינען





די ציון וויאזוי עס האט אויסגעזען פון יאר תשמ"ו ביז תשמ"ט

אז עס איז דא א חסידישער רבי אויף שבת, האבן זיי אפגעמאכט אז זיי וועלן גיין זען 'פון וואס עס רעדט זיך דא'. אבער דער רבי האט ברוב חכמתו מיט זיי אזוי ארומגעדרייט, אז זיי האבן געזען אז דער רבי איז צו קלוג און מיט אים וועלן זיי נישט קענען ארומשפילן. צום סוף האט דער רבי אזוי ארומגעשפילט מיט זייערע מוחות אז זיי האבן אים אנגעהויבן צו באטראכטן פאר זייער א קלוגער מענטש. זיי זענען נאך שבת געקומען צום רבי'ן און אסאך געשמועסט מיט אים.

עד כדי כך האט דער רבי מיט זיי ארומגעדרייט אז זיי האבן גאר געבעטן דעם רבי'ן ער זיי בלייבן וואוינען ביי זיי אין אומאן. דא האט דער רבי געמאכט מיט זיי א תנאי אז אויב זיי וועלן אים ברענגען די כתב יד פון די ספר "יין לבנון" פון זייער פירער דער משכיל וויזעל שם רשעים ירקב וועט ער קומען וואוינען אין אומאן.

דער רבי האט פארגעזעצט מיט זיין נסיעה. דינסטאג פרשת כי תצא י' אלול איז דער רבי אנגעקומען און זיך באזעצט אינעם שטאט ברסלב.

### דער רבי גרייט זיך צו זיין פטירה

מיט אכט יאר שפעטער, בערך פסח צייט פון יאר תק"ע האט דער רבי אנגעהויבן צו שמועסן אז ער וויל פארן קיין אומאן און איינשטיין אינעם שטוב פון נחמן נתן ראפאפורט (וואס איז געשטארבן א שטיק צייט פריער, דער נחמן נתן איז געווען פון די אפיקורסים פון אומאן), אבער דער רבי האט נישט געזאגט פארוואס ער וויל אהינגיין, און צו ער וויל דארט בלייבן וואוינען. פונקט דאן האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז עס זענען געקומען צום רבי'ן אנשי שלומינו פון טעפליק וואס האבן געטון ביזנעס אין אומאן, און זיי האבן געפרעגט דעם רבי'ן, אז זיי פארן קיין אומאן, אויב דער רבי וויל מען זאל אים אנגרייטן די דירה פון נחמן נתן ראפאפורט, און דער רבי האט זיי געענטפערט אז יא.

### שריפות אין שטאט ברסלב

יענעם פסח זענען געווען גרויסע שריפות אין שטאט ברסלב, ווי פולע הייזער זענען פארברענט געווארן.

פרייטאג צונאכטס האט נאכאמאל אויסגעבראכן א פייער, דאס מאל האבן אנגעהויבן ברענען די הייזער ארום די גאס ווי דער רבי האט געוואוינט. דער רבי איז דאן געזיצן מיט אנשי שלומינו און זיי האבן אים געבעטן אז ער זאל זאגן תורה, אבער דער רבי האט געזאגט "איך ווייס גארנישט"! פלוצלינג זענען מענטשן אריינגעלאפן מיט א בהלה אז עס ברענט שוין די גאנצע גאס, און מען דארף שוין ארויסגיין און פארלאזן די פלאץ. אזוי ווי דער רבי האט דאס געהערט איז ער געווארן זייער צופלאמט און ער האט זיך אנגערופן בזה הלשון "שוין שוין". (רבי נתן האט שפעטער געזאגט אז ער האט דעמאלט נאכנישט פארשטאנען פארוואס דער רבי איז געווארן אזוי צופלאמט, אבער שפעטער ווען מען האט געזען ווי די השגחה האט געפירט אז דער רבי זאל דארפן פארלאזן ברסלב, האט רבי נתן פארשטאנען אז דער



דער ציון וויאזוי עס האט אויסגעזען פון יאר תשנ"א ביז תשנ"ח

רבי האט געשפירט אז דאס איז א רוף פון הימל פאר דעם רבי'נס הסתלקות).

זונטאג ב' אייר איז דער רבי איינגעשטאנען אויף צייטווייליג אין איינע פון די הייזער אין ברסלב וואס איז נישט באטראפן געווארן פונעם פייער. רבי נתן איז געווען מיטן רבי'ן, און דער האט גערופן איינע פון זיינע בעלי חובות וואס ער איז אים שולדיג געווען געלט. אינמיטן שמועסן איז אנגעקומען ר' מאיר פון טעפליק צוזאמען מיט נאך אנשי שלומינו, זיי האבן געברענגט פארן רבי'ן א קליין פעקל, דארט איז געליגן די כתב יד פונעם אפיקורס'ישע ספר "יין הלבנון", זיי האבן געזאגט פארן רבי'ן אז הערש בער און משה לאנדא האבן דאס געשיקט, און זיי בעטן זייער דער רבי זאל קומען קיין אומאן, און זיי האבן שוין אנגעגרייט די דירה פון נחמן נתן ראפאפורט. אזוי ווי דער רבי האט דאס געהערט איז דער רבי געווארן זייער פארפלאמט און ער האט געזאגט "אזוי, אזוי".

דארט איז געליגן דעם כתב יד פונעם אפיקורס'ישן ספר פון זייער פירער דער משכיל וויזעל שם רשעים ירקב, וואס דער רבי האט זיך מיט אכט יאר פריער אויסגעענומען מיט זיי אז זיי זאלן אים ברענגען דעם ספר וועט ער קומען קיין אומאן. דער רבי האט אריינגעווארפן דעם ספר אין פייער און עס פארברענט.

תיכף נאכדעם האט מען אנגעהויבן זיך גרייטן צו פארן קיין אומאן. דער רבי האט זיך אויפן וועג אפגעשטעלט אויף א פאר פלעצער, למעשה איז דער רבי אנגעקומען מיטוואך ה' אייר תק"ע קיין אומאן זיך צו באזעצן דארט, ווי דער רבי איז שפעטער נסתלק געווארן.

### דער ציון פון הייליגן רבי'ן אין אומאן

דער הייליגער רבי איז נסתלק געווארן דינסטאג חול המועד סוכות, ח"י תשרי תקע"א. יענעם טאג האט מען באערדיגט דעם הייליגן רבי'ן אין שטאט אומאן, אין די אלטע בית החיים, אויף די

פלאץ ווי דער רבי האט זיך שוין אויסגעקוקט מיט יארן פריער ווי עס זאל זיין זיין הייליגער ציון. א קורצע צייט נאכן רבינ'ס פטירה איז געבויט געווארן אן אוהל ארום דעם ציון דורך די צווייטע רעבעצין פון רבי'ן.

דער ציון מיט'ן אוהל זענען דארט געשטאנען ביז צו די צווייטע וועלט קריג, ווען עס איז חרוב געווארן דורך די נאצישע באמבאדירונגען אויף דעם געגענט.

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו שרייבט אין ספר פעולות הצדיק די עדות פון א איד וואס איז געווען דארט בשעת די ציון איז באמבאדירט און כמעט אינגאנצן חרוב געווארן אין יאר תש"א.

אין יאר תש"כ האבן זיך צען ברסלב'ע חסידים פון אמעריקע - וואס צוויי פון זיי זענען געווען פון טאראנטא - צאמגעקומען אויף ראש השנה, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אויב מען קען נישט גיין אויפן ציון אין אומאן זאל מען זיך צאמקומען ראש השנה מיט א מנין אידן וואס גלייבן אין רבי'ן. מען איז זיך צאמגעקומען אין די ברסלב'ער בית המדרש אין איסט סייד מאנהעטן. מוהרא"ש איז נאך דאן געווען א בחור, און איז געווען פון די צען אידן וואס זענען זיך צאמגעקומען דארט. צווישן די מתפללים איז געווען אן עלטערער איד, וואס האט זיך אנגעגעבן אז ער האט געדינט אין די רוסישע ארמיי, און ער איז געוועזן דערביי ווען די אוהל פונעם ציון איז באמבאדירט געווארן דורך די נאצישע קרעפטן.

**די מעשה פונעם גענעראל**

ער איז געבוירן צו א משפחה מיט ערליכע עלטערן אין פוילן, זיין טאטע איז נפטר געווארן נאך איידער ער איז געבוירן, און זיין מאמע איז אויך ליידער נפטר געווארן ווען ער איז נאך געווען גאר יונג. ער איז אויפגעוואקסן ביי זיין פעטער, ווי ער האט געהאט א שווערע לעבן, מען האט אים אויסגעניצט אויף צו ארבעטן ביטער שווער. אים האט פון קליינוויז אן געצויגן צו גיין אין מיליטער, אבער היות ער האט געהערט כסדר איבער די שטארקייט פון די רוסישע מיליטער, אז זיי זענען די שטערקסטע ארמיי אין די וועלט, האט ער געטראכט אז ער וועט אנטלויפן פון פוילן, און וועט גיין דינען אין די רוסישע ארמיי.

אזוי איז טאקע געווען, ווען ער איז עלטער געווארן איז ער אנטלאפן פון פוילן קיין רוסלאנד, ווי ער איז געגאנגען דינען אין די ארטיגע ארמיי. זייענדיג א פלייסיגער און איבערגעגעבענער סאלדאט, האט מען אים געהעכערט אין ראנג, ביז ער איז געווארן א פעלד מארשאל, ווי אויך איז ער נאנט געווארן מיט אלע גרויסע גענעראלן, און מיטן הויפט פירער פונעם ראטנפארבאנד וולאדאמיר



מוהרא"ש זי"ע לייגט אראפ ספר אשר בנחל ביים רבינ'ס ציון



מוהרא"ש זי"ע מיט אנשי שלומינו אין אומאן אינעם מעגאמעטער

סטאלין ימח שמו.

אזוי ווי ער האט געדינט אין די רוסישע ארמיי - וואס זיי האבן זייער פיינט געהאט די פאלאקן - האט ער זיי אויך זייער פיינט געהאט, און ווען ער האט געהאט א געלעגנהייט האט ער גע'הרג'עט פון די פאלאקן מיט די גרעסטע רציחה.

**יום כיפור ביים גרעניץ**

איין מאל יום הקדוש נאכמיטאג האט ער שפאצירט מיט צוויי פון זיינע סאלדאטן נאנט צו די פוילישע גרעניץ. ער האט זיך דערמאנט אז עס איז יום כיפור היינט, אויך האט ער דעמאלט געהאט יארצייט נאך זיין טאטן. עס האט זיך אויפגעוועקט אין אים זיין אידישע פינק, ער האט זייער געוואלט אריינגיין אין א בית המדרש. ער האט זיך דארט נאכגעפרעגט ווי עס געפינט זיך א בית המדרש, מען האט אים צוגעוויזן אויף א קליין געסל אז דארט געפינט זיך א בית המדרש.

אזוי ווי ער איז אריין געקומען אין בית המדרש, און די אידן האבן געזען א גענעראל אריינקומען, האבן זיי זיך זייער דערשראקן. אבער דער גענעראל האט זיי בארואיגט, ער האט זיי געזאגט אויף רוסיש: "זארגט אייך נישט, איך בין א איד! איך וויל זאגן עפעס א תפילה אין די טאג פון די יארצייט פון מיין טאטן".

די אידן האבן זיך בארואיגט, און זיי האבן אים דערציילט אז זיי האבן זיך נישט דערשראקן פון אים, נאר יעדעס יאר יום כיפור ביי נעילה צייט קומען אריין פוילישע שקצים און ווארפן שטיינער און צושלאגן די מתפללים, יעצט אז איר זענט אריינגעקומען האבן מיר מורא געהאט אז עס קומען גוים אונז שטערן דאס דאווענען און שלאגן.

מער האט נישט אויסגעפעלט, עס האט זיך אין אים אנגעצינדן זיין שנאה וואס ער האט געהאט צו די פאלאקן, ער איז ארויס מיט זיינע צוויי סאלדאטן און געווארט באהאלטענערהייט אינדרויסן. נאך א קורצע צייט זענען אנגעקומען א באנדע שיכור'ע גוים מיט שטיינער און שטעקענעס גרייט אנצופאלן די אידישע מתפללים. תיכף ווי דער גענעראל האט זיי באמערקט, איז ער ארויסגעשפרינגען פון זיין באהעלטעניש, און ער מיט זיינע סאלדאטן האבן געשאסן און אויסגע'הרג'עט די אלע גוים וואס זענען געקומען שטערן דאס דאווענען.

דער רב פון בית המדרש איז געווען א ברסלב'ער חסיד, האט ער געזאגט פארן גענעראל: "איך זע ווי דו האסט זיך אזוי מוסר נפש געווען פאר דיינע אידישע ברודער, וויל איך דיר זאגן, די וועסט דאך זיכער צוריקגיין קיין רוסלאנד, און אפשר וועט דיר אויסקומען צו זיין אין אוקריינא, זאלסטו וויסן אז עס איז דא דארט אין אוקריינא א קליינע שטאט אומאן, עס איז בערך דריי שעה פון קיעוו, דארט אויפן בית החיים איז דא דער ציון פונעם גרויסן וואונדערליכן צדיק דער הייליגער רבי נחמן פון ברסלב זכותו יגן עלינו". דער רב האט אים דערציילט די גרויסקייט פונעם הייליגן רבי'ן, ער האט אים זייער מחזק געווען און אויפגעפלאמט זיין הארץ מיט די הייליגע דיבורים פון רבי'ן. די ווערטער פונעם רב זענען שטארק אריין אין הארץ פונעם גענעראל, אזוי ווי עס האט זיך אויפגעוועקט זיין אידישע פינק, האט ער זייער

געבעטן דעם רב אז ער זאל אים ווייזן די וועג ווי אזוי ער קען זיך צוריקקערן צום אייבערשטן. דער רב האט אים געזאגט די הבטחה וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט אז "ווער עס וועט קומען אויף זיין ציון און זאגן דארט די תיקון הכללי וועט אים דער רבי אינגאנצן פארעכטן". ער האט געזאגט פארן גענעראל אז ער זאל פרובירן מיט אלע כחות צו זיין אויפן ציון פון רבי'ן אין אומאן, דארט וועסטו צוקומען צו דיין אייביגע תיקון.

די ווערטער האבן אין זייער באנומען, און ער האט צוגעזאגט פארן רב אז ער וועט גיין אויפן ציון פון הייליגן רבי'ן אין אומאן.

### צוריק אין רוסלאנד

דער גענעראל איז צוריק געגאנגען קיין רוסלאנד, אבער ווי שטארק ער האט געוואלט גיין קיין אומאן האט ער נישט געקענט, ער האט געדארפט זיין אין מאסקווע.

אינצווישן האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט קריג, זייענדיג צווישן די יועצים אינעם קרעמלין, האט ער זיך געדארפט געפינען ביים הויפטקוואטיר אין מאסקווע, ער האט זיך נישט געקענט אוועקרירן פון דארט, ער איז געווען איינס פון די יועצים אין די מלחמה. אבער אין הארץ האט אים געבענקט צום הייליגן רבינ'ס ציון.

שפעטער ווען די נאציס ימח שמו זענען אריין אין רוסלאנד, אלע גענעראלן האבן געדארפט אננעמען פאזיציעס צו באשיצן דאס לאנד, דאן האט ער אויסגעקליבן אז ער וועט שטיין אין שפיץ פון די בריגאדע וואס טוט באשיצן אוקריינא. עס איז געווען ביטערע שווערע שלאכטן, די רוסן זענען צוריקגעשטויסן געווארן ביז אומאן, דארט האט זיך די רוסישע מיליטער פארפעסטיגט, און אפגעווארט די נאצישע קרעפטן. דערווייל איז דער גענעראל וואס האט געוויילט אין אומאן אנגעהויבן זוכן דעם ציון, ער איז אריין אין איינס פון די אידישע הייזער, און געפרעגט ווי עס געפינט זיך די ציון פון רבי נחמן פון ברסלב זכותו יגן עלינו. אין אנהייב האט זיך דער איד זייער דערשראקן, ווער ווייסט וואס דער גענעראל וויל שוין טון דא, אבער דער גענעראל האט אים געזאגט "איך בין א איד און איך וויל גיין צום הייליגן ציון". דער איד האט אים צוגעוויזן ווי דער ציון געפינט זיך. תיכף ווי ער איז אנגעקומען צום הייליגן ציון האט זיך אין אים געעפענט דאס הארץ, און ער האט פארגאסן דארט טייכן טרערן. ער האט זיך דערמאנט פון זיין ערליכע מאמע, ער האט זיך דערמאנט פון זיינע יונגע יארן, ער איז זייער נתעורר געווארן זיך צוריקצוקערן צום אידישן וועג. ער האט אפגעמאכט אז ביים ערשטן געלעגנהייט גייט ער הייבן פיס און אנטלויפן פון רוסלאנד, און זיך צוריקקערן צו זיין אידישע אפשטאם.


מוהרא"ש זי"ע ביים רבינ'ס ציון ערב ראש השנה תשע"ב

### די שלאכטן אין אומאן

אינדערצווישן זענען די דייטשע מיליטער לייט אנגעקומען קיין אומאן, די שלאכטן זענען געווען ביטערע, עס זענען געפאלן קרבנות פון ביידע זייטן, דער גענעראל איז געשטאנען נאנט צום ציון, ער האט זיך שוין נישט




די קינדער פון אנשי שלומינו [שוין היינט טאטעס] ביים ציון ערב ראש השנה תשע"א

געקענט אוועקרירן פון דעם הייליגן פלאץ, זייט ער איז געווען דעם ערשטן מאל ביים ציון האט ער שוין נאר געבענקט צום ציון.

די דייטשן האבן געצילט צו די פאזיציע ווי עס האט זיך געפינען דער גענעראל, איינס פון די באמבעס זענען געפאלן אויפן ציון, און ממש פארנט פון זיינע אויגן איז כמעט אינגאנצן אפגעווישט געווארן דער הייליגע אוהל אויפן רבינ'ס ציון.

שפעטער האבן זיך די רוסישע קרעפטן געשטארקט, זיי האבן פארטריבן די דייטשע ארמיי פון דארט ווייטער, ביז צו די ענדע פונעם קריג ווען די רוסן האבן פארכאפט בערלין, אזוי האט זיך דער שרעקליכער צווייטע וועלט קריג געענדיגט. דער גענעראל האט געדינט די ארמיי ביזן סוף פון קריג. נאכן קריג איז ער אנטלאפן קיין אייראפע, וואו ער האט חתונה געהאט מיט א ערליכע אידישע פרוי. נאך אפאר יאר איז ער געקומען קיין אמעריקע, ווי מוהרא"ש האט אים געטראפן אין יאר תש"כ ביי די תפילות פון ראש השנה אין דער איסט סייד.

דאס איז געווען די עדות פון א איד וואס האט איבערגעגעבן ווי ער האט געזען מיט זיינע אויגן ווי דער ציון איז לא עלינו חרוב געווארן. אבער דער אייבערשטער פארלאזט נישט אידישע קינדער. מיר וועלן דא אראפברענגען אינטערעסאנטע עפיזאדן ווי דער ציון איז בחסדי השם גערעטעוועט געווארן עטליכע מאל פון ווערן אינגאנצן אויסגעריסן.

**אומאן נאכן קריג**

נאכן קריג איז אומאן געווען פוסט און וויסט, די גאנצע שטאט איז געליגן באמבאדירט, גאנצעטע גאסן זענען געווען אפגעמעקט פון די פולע באמבאדירונגען, די בית החיים איז געווען חרוב ונחרב, אלע מציבות זענען געווען צובראכן און איינגעזינקן, אבער די אויסשטעל פונעם בית החיים איז נאך דאן געווען, מען האט נאך געקענט זען די פלאץ ווי עס האט זיך געפינען דער הייליגער אוהל ארום דעם ציון. די געציילטע פליטים וואס האבן געוואוינט פארן קריג אין אומאן, וואס זיי זענען בשעת דעם קריג אנטלאפן טיפער אריין אין רוסלאנד, און אזוי זיך געראטעוועט פון ווערן אומגעברענגט דורך די נאצישע חיות, יעצט ווען זיי האבן געהערט אז די רוסישע ארמיי האט צוריגעשטויסן די נאצישע חיילות זענען זיי צוריקגעקומען קיין אומאן. זיי האבן געזען די חרבנות, זייער איינציגסטע טרייסט איז געווען דעם הייליגן רבינ'ס ציון, דער אוהל איז שוין נישט געשטאנען, אבער א שטיקל פון די צובראכענע מציבה איז נאך געווען אויפן פלאץ, דארט האבן זיך די אידן אויסגעגאסן זייערע הערצער, פון די פילע מיטמאכענישן וואס זיי זענען אריבער די לעצטע פאר יאר.

**די פרואוו פון די קאמוניסטן אויסצורייסן די גאנצע בית החיים**

אזוי איז געשטאנען דער פלאץ פארלאזט, אבער מיטן זעלבן אויסשטעל. ביז אין יאר תש"ז ווען די קאמוניסטן האבן אפגעאטעמט פון די קריג, האבן זיי זיך צוריקגענומען צו זייער אגענדע - פון אויסרייסן יעדע זכר פון אידישקייט - דעמאלטס האט די שטאטראט פון אומאן אנגעהויבן פארקויפן שטחים שטיקער פונעם בית החיים, אז די מענטשן זאלן בויען הייזער חס ושלום אויף די די פלאץ פונעם בית החיים און אויפן פלאץ פונעם הייליגן ציון, דאס האט געשטעלט די הייליגע ציון אין א סכנה אז עס זאל חס ושלום פארבויעט ווערן צוזאמען מיטן גאנצן בית החיים.

**אפקויפן דאס פלאץ פון ציון**

אין שטאט לבוב (לעמבערג) האט געוואוינט א ברסלבע'ר חסיד מיטן נאמען ר' זאנוויל ליובארסקי ז"ל, ער האט פרובירט צוזאמען מיט נאך אפאר פון אנשי שלומינו וואס האבן געוואוינט אין רוסלאנד, צוריק אויפצולעבן אז אידן זאלן קומען קיין אומאן אויף ראש השנה. אזוי האט ער כסדר געהאלטן פארבינדונגען



מוהרא"ש זי"ע זיצט אויף דער ערד ביים הרבינ'ס ציון תשמ"ד

מיט וואס עס טוט זיך אין אומאן. דעמאלטס איז צו אים אנגעקומען די שרעקליכע בשורה אז מען גרייט זיך צו פארקויפן חלקים פונעם בית החיים כדי צו בויען דארט דירות, און אויסצורייסן די גאנצע בית החיים אין אומאן דארט ווי דער הייליגער רבי ליגט.

ער האט זיך תיכף אריינגעווארפן אין די ארבעט, ער האט שנעל אריינגעגעבן א בקשה אז ער וויל אפקויפן דעם שטיקל שטח פונעם בית החיים - די פלאץ פונעם רבינ'ס ציון, אבער זיין בקשה איז צוריקגעוויזן געווארן, מיטן אויסרייד אז ער איז נישט קיין אומאנער בירגער.

**די גרים פון שטאט אומאן**

ער האט נאכאמאל פרובירט אריינצוגעבן א בקשה דאס אפצוקויפן, אבער דאסמאל מיטן נאמען פון ר' דניאל גר צדק וואס ער האט געוואוינט אין אומאן.

ר' דניאל זגייסקי איז געווען א חלק פון א גרופע פון גרים וואס האבן זיך מגייר געווען אין אומאן. געווען איז דאס אין די יארן וואס האט זיך אנגעהויבן קאמוניזום, זענען אנגעקומען אפאר סלאוואקישע גוים צום ברסלבע'ר קלויז אין אומאן, זיי האבן געבעטן אז זיי ווילן זיך מגייר זיין. די ברסלבע'ע חסידים האבן זיי זייער מקרב געווען. דעמאלטס זענען זיי געווארן אמת'ע גירי צדק און פולשטענדיגע אידן שומרי תורה ומצוות.

איינע פון די גרים איז געווען ר' דניאל זגייסקי, ער איז ניצול געווארן פון די נאצישע שחיטות וואס זיי האבן דורכגעפירט אויף די אידן אין אומאן. ווען די דייטשע רשעים ימח שמם וזכרם האבן דורכגעפירט די אויסרייניגונג פון

אידן אין אומאן, האבן איינער פון די גוים זיי געזאגט אז דער דניאל איז נישט קיין איד. אזוי האט מען אים נישט ארויסגעפירט צו הרג'ענען צוזאמען מיט אלע אידן פון שטאט אומאן וואס זענען דארט גע'הרג'עט געווארן לא עלינו. אזוי האט ער איבערגעלעבט די קריג און איז געבליבן וואוינען אין אומאן.

יעצט ווען עס איז נישט געלונגען אפצוקויפן דעם שטח פונעם ציון ווייל עס האט זיך פארלאנגט צו זיין א אומאנער איינוואוינער - האט מען גענוצט זיין נאמען. מען האט אריינגעגעבן די בקשה צו די שטאטראט, און זיי האבן מסכים געווען עס צו פארקויפן פאר אים. די שטח איז דאן געווארן אפגעקויפט דורך ר' זאנוויל אונטער די נאמען פון ר' דניאל הגר צדק, מיט די שטיצע פון חסידי חב"ד פון שטאט לבוב.

## גראבן צו טרעפן די יסודות פונעם אוהל

מען האט אנגעהויבן מיט פלענער צו בויען א הויז אויף דעם שטח, אזוי אז די שטיקל פון די חצר אינטערן הויז זאל בלייבן די ליידיגע שטח וואס דארט זאל זיך געפינען די ציון, אזוי ארום זאל מען זיין פארזיכערט אז מען וועט נישט קענען בויען אויפן ציון. ליידער ווען ער איז דארט אנגעקומען איז שוין נישט געווען קיין זכר פונעם ציון, אבער ברוך השם די יסודות האבן נאך עקזיסטירט, מען האט נאך געקענט זען צובראכענע שטיקער העלצער פונעם גרונד פון אוהל. יעצט האט מען נאר געדארפט טרעפן די פיר שטאנגען - וואס זענען געווען די פיר זייטן די יסודות פונעם אוהל אונטער דער ערד.

ער האט אנגעהויבן גראבן. ער האט נישט מורא געהאט אז ער גראבט אריין אינעם קבר, ווייל מען פלעגט לייגן די מתים בערך זעקס זיבן פיס טיף אונטער דער ערד, אזוי האט ער א גאנצן טאג גענישטערט אונטער דער ערד צו טרעפן די פלאץ ווי עס איז געווען די יסודות פונעם ציון, אבער ער האט גארנישט געקענט טרעפן. פארן אוועקגיין האט ער זיך זייער צעוויינט, ער האט געשריגן: "רבי ווי זענט איר, רבי ווי זענט איר"?

ביינאכט האט ער זיך גע'חלומ'ט ווי ער זעט דעם רבי'ן - אנגעטון אין שבת'דיגע קליידער - שטיין אויפן פלאץ פונעם ציון. ער האט אנגעהויבן שרייען אין חלום "רבי איר גרייט זיך אוועקצוגיין פון דא"? און דער רבי האט אים געענטפערט: "איך גיי נישט, איך בלייב צווישן אייך"!

ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער מיט פרישע כוחות אנגעהויבן זוכן די יסודות, נאך א קורצע צייט האט ער געטראפן די העלצער פון די יסודות פון די הייליגע אוהל.

דעמאלטס האט ער געגאסן א סעמענטענעם גרינד פון בערך צוויי מיט א האלב פיס ביי זעקס און א האלב פיס.

## מען הייבט אן בויען די הויז נעבן ציון

אזוי האט מען געהאלטן די פלאץ ליידיג, מען האט געארבעט אויף פלענער ווי אזוי צו בויען דעם הויז דארט, און זיי זענען געגאנגען פאר פערמיטן. אין יאר תשי"ב האט מען אנגעהויבן בויען די דירה אויף דעם שטח נעבן די ציון, מען האט אויסגערעכנט אז די וואנט

אנשי שלומינו ביים אהיימגיין פון אומאן ראש השנה תשע"א



פון אינדרויסן זאל זיין הארט ביים ציון, און מען האט געמאכט צוויי פענסטער'ס. ער האט געלייגט די סוף פונעם צווייטן פענסטער ביי די פלאץ פון די עכטע זויל וואס איז געווען צו קאפנס פונעם אוהל וואס דארט איז געווען דער ציון, אזוי אז דער ציון געפינט זיך ביים סוף פונעם צווייטן פענסטער, הארט נעבן די יסודות פונעם הויז, און דאס גייט ווייטער צו די זייט פון בילינסקי גאס, און די פלאץ פונעם ציון זאל אויסקומען צווישן די צוויי פענסטער'ס.

**די רשעים ווערן געוואויר פון די פלענער**

עס איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט, און די שטאט האט זיך געכאפט וואס די ברסלב'ע חסידים האבן זיי פאר'נער'ט, אז זיי האבן אפגעקויפט די שטח כדי עס זאל בלייבן די ציון און מען זאל ווייטער קומען מתפלל זיין דארט. זיי האבן באלד געשיקט א ווארענונג פאר ר' דניאל גר צדק אז ער זאל תיכף אויפהערן בויען, און אז ער מוז פארקויפן די הויז פאר א גוי. ר' דניאל האט זיך זייער דערשראקן, ער האט געוויסט וואס עס מיינט זיך אנהייבן מיט די קאמוניסטישע רעזשים, און ער האט פארקויפט די הויז פאר א גוי.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דער גוי וואס האט אפגעקויפט דעם שטח איז געפאלן די אויסשטעל וואס די ברסלב'ע חסידים האבן אנגעהויבן, און ער האט ווייטער געבויט אויף די פלאן וואס זיי האבן פריער אהערגעשטעלט, אזוי איז די ציון געבליבן אומבארירט.

ברסלב'ע חסידים האבן אנגעהויבן צו קומען שטילערהייט און זיך אריינכאפן דאווענען ביים ציון. ווען די באאמטע זענען געוואויר געווארן אז די אידן קומען ווייטער זיך משתתח זיין אויפן ציון, האבן זיי באפוילן פאר דעם גוי דער נייער איינוואוינער אז ער זאל נישט צולאזן דארט קיין אידישע באזוכער וואס קומען צום הייליגן ציון.

דער גוי איז געווען א גרויסע שונא ישראל, ער האט זיך צוגעכאפט צו דער באפעל, און ער האט טאקע נישט צוגעלאזט קומען דאווענען אויפן ציון, ער האט געלייגט אין חצר צוויי שרעקעדיגע הונט, וואס האבן געווארפן א פחד אויף ווער עס איז געקומען דארט.

ווי עס דערציילט איינער פון די ברסלב'ע חסידים וואס זענען געקומען צום ציון און ער איז איבערגעקראכן די צוים פונעם חצר, ווי ער איז באפאלן געווארן פון די ווילדע הונט און איז קוים ארויס מיט'ן לעבן.

**דער הייליגע רבי רוהט נישט**

אבער דער הייליגער רבי וואס האט צוגעזאגט די הייליגע הבטחה פאר די אלע וואס וועלן קומען אויף זיין ציון - האט נישט גערוהט. איין נאכט האט דער גוי וואס האט אפגעקויפט דעם הויז געהערט שטארקע קלאפן, ער האט פרובירט נאכצוגיין פון ווי די קלאפן קומען אבער אן ערפאלג, ער האט נישט געקענט כאפן פון ווי די קלאפעריי קומען. אזוי איז אריבער איין נאכט און נאך א נאכט, די קלאפעריי האט זיך נישט אויפגעהערט, דאס קלאפן האט אים געשטערט נאכט נאך נאכט פון זיין שלאף, נישט קענענדיג מער אויסהאלטן איז ער זיך געגאנגען אפרעדן פאר די שטאטישע באאמטע, אבער זיי האבן זייער געלאכט פון אים. ווען ער האט געהאלטן אין איין צוריקקומען מיט די זעלבע מעשה, האבן זיי אפגעמאכט אז זיי גייען איינמאל פאר אלעמאל מאכן סדר, זיי האבן געשיקט צוויי פון זייערע מענטשן זען וואס אזוינס עס גייט דארט פאר, און כאפן די מענטשן וואס קומען קלאפן ביינאכט. למעשה האבן זיי אויך געהערט דאס קלאפן, און קיינער האט נישט געקענט דערגיין פון ווי די קולות קומען.

צווישן די גוים האט אנגעהויבן קורסירן שמועות אז עס דרייען זיך דארט די נישט גוטע, זיי האבן שוין אויך געוויסט צו זאגן אז די אלע צרות זענען ווייל מען לאזט נישט די אידן קומען מתפלל זיין

ביים ציון.

אינצווישן איז דער גוי קראנק געווארן, ער האט זייער מורא געהאט צו בלייבן דארט וואוינען, נישט מער פון דריי אין א האלב יאר פון ווען ער האט עס אפגעקויפט, האט ער עס פארקויפט פאר גאר א ביליגע פרייז פאר עפעס א ערל'טע, ווייל ער האט נאר געוואלט פטור ווערן פון דעם הויז.

די נייע בעל הבית'טע פון דעם הויז איז נישט געווען צופיל בעסער, זי האט אויך נישט אריינגעלאזט. ביז איין שיינעם טאג איז איר טאכטער משוגע געווארן, און ווען אנשי שלומינו זענען געקומען קיין אומאן האט זי דערציילט פון די צרה וואס האט איר באטראפן, די ברסלב'ע אידן האבן איר צוגעזאגט אז אויב זי נעמט זיך אונטער זיי צו לאזן קומען מתפלל זיין ביים ציון, וועלן זיי מתפלל זיין פאר איר טאכטער. אזוי איז טאקע געווען, און נאך א קורצע צייט איז איר טאכטער געזונט געווארן. פון דעמאלט און ווייטער האט זי זייער אכטונג געגעבן אויף דעם מקום קדוש, זי האט געהיטן אויף דעם הייליגן פלאץ, און צוגעלאזט די ברסלב'ע חסידים קומען דארט דאווענען.

**די באזוכן פון מוהרא"ש זי"ע ביים ציון**

מוהרא"ש שרייבט אין פעולות הצדיק: אין יאר תשכ"ב איז איינער פון אנשי שלומינו אריינגעקומען פון אינדרויסן פון די גרעניצן פון רוסלאנד, צום ציון אין אומאן. ער איז געווען דער ערשטער, זייט די גרעניצן זענען פארשלאסן געווארן.

מוהרא"ש שרייבט דארט ווייטער אז אין יאר תשכ"ג איז געפארן א מנין פון אנשי שלומינו קיין אומאן.

אין יאר תשכ"ז איז מוהרא"ש געפארן מיט בערך דרייסיג אידן פון אנשי שלומינו (פון דעם נסיעה קען מען שרייבן א גאנצע קאפיטל פון די רדיפות און בזיונות וואס מוהרא"ש איז דעמאלט אריבער ואין כאן המקום להאריך, אפשר אין א צווייטע געלעגענהייט) אזוי אויך אין יאר תשכ"ט איז מוהרא"ש געווען מיט בערך דריי מנינים. דערנאך ערב ראש השנה תשל"ח זענען געווען א קבוצה אידן וואס זענען געקומען קיין אומאן אויף ראש השנה, אבער מען האט זיי ארעסטירט אינמיטן סליחות ערב ראש השנה, למעשה ראש השנה האבן זיי געוויילט אין קיעוו.

**דער קול אז די ציון ווערט צושטערט אין יאר תשל"ט**

אין יאר תשל"ט איז ארויס א קול אז די שטאטישע באמטע ווילן ווייטער צושטערן דעם פלאץ פונעם ציון. מען האט אנגעהויבן צו צעווארפן די אלע קליינע הייזער דארט אויפן אלטן בית החיים און בויען דארט די גרויסע פול שטאקיגע בנינים.

מיר וועלן נישט אריינגיין אין דעם געשיכטע דאס מאל, אפשר אין א קומענדיגע געלעגענהייט וועט מען שרייבן וועגן די פרשה וואס עס האט זיך דעמאלט אפגעשפילט.

פון די בריוון וואס מוהרא"ש האט געשריבן יענע יארן, קען מען אביסל זען וואס עס האט זיך דאן אפגעטון אונטער די קוליסן. מיר זעען אין אשר בנחל חלק כ"ב (מכתב ג' אלפים ש"ל) ווי מוהרא"ש שרייבט א יאר שפעטער ראש חודש תמוז תש"מ איבער דעם וואס עס איז געווען א יום תפילה פון אלע ברסלב'ע חסידים איבער די וועלט, אז דאס איז געווען א תיקון אויף דאס וואס זיי האבן ליידער אפגעשטיפט די גאולה וואס וואלט שוין געדארפט זיין אין יאר תשל"ו (ווי עס ווערט געברענגט קלאר פון הייליגן קאמארנער זכותו יגן עלינו) און ליידער מעשה שטן הצליח, עס איז ארויסגעקומען די שרעקליכע פאשקעוויל קעגן די ספרים פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס דאס האט אפגעשטופט די גאולה. מוהרא"ש שרייבט אז דאס האט געברענגט מורא'דיגע קיטרוגים אויף אידישע קינדער, און די תפילות פון ערב ראש חודש תמוז וואס מען האט פאררופן וועגן די הצלת הציון, האט ממתיק געווען

די דינים און גזירת כליה חס ושלום, וואס איז פאראורזאכט געווארן פון די בריוו און חתימות וואס עס איז ליידער ארויסגעקומען אין חודש תמוז תשל"ו.

נאך א בריוו זעען מיר אין אשר בנחל חלק כ' (מכתב ג' אלפים ל"ב) ווי מוהרא"ש שרייבט צווישן אנדערע אז אויב עס פעלט זיך אויס וועט ער פארן צוזאמען מיט אנשי שלומינו קיין אומאן, און אויב עס וועט נישט זיין קיינער וואס וועט גיין, שרייבט דארט מוהרא"ש אז ער וועט אליין גיין. ווי אויך זעט מען ווי מוהרא"ש פרובירט צו ארגאניזירן יונגעלייט פון אייראפע זאלן פארן קיין אומאן.

מוהרא"ש פרעגט זיך נאך אויב מען האט צעווארפן די הויז ביים ציון, און צווישן אנדערע שרייבט מוהרא"ש אז חס ושלום מען זאל נישט טראכטן פון מפנה זיין די הייליגע עצמות ווייל די מחשבה האט א גרויסע כח. למעשה שרייבט דארט מוהרא"ש אז עס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין אז עס איז גארנישט געווען, עס איז נאר געווען א ענין פון רבי'ן אז מען זאל תשובה טון אויף דאס וואס מען האט פארשעמט די הייליגע ספרים.



### די השתלשלות פון ציון אין די שפעטערדיגע יארן

דער הויז און די חצר ביים הייליגן ציון איז געשטאנען אויף די זעלבע פארעם ביז יאר תשנ"א. דעמאלטס האט מען אויפגעשטעלט א קליינע מציבה אויפן ציון. א יאר דערויף האט מען געבויעט א גרויסע מציבה אויפן ציון. אין יאר תשנ"ז האבן ברסלב'ע חסידים אפגעקויפט דעם בנין פון די גוי'אישע בעלי בתים. קומענדיגן יאר האט מען צעווארפן דעם אלטן בנין, און מען האט אויפגעבויעט די אוהל מיטן ציון וואס שטייט ביז היינטיגן טאג. נאר עס איז כסדר פון יאר צו יאר פארשענערט און פארגרעסערט געווארן צו קענען אקאדאמירן דעם ריזיגן ציבור וואס קומען קיין אומאן.

דאס איז אויפן שפיץ גאפל אראפגעברענגט די השתלשלות פון הייליגן רבינ'ס ציון פון אנהייב ביזן סוף וויאזוי די בנין שטייט היינט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה תשפ"ד געזונטערהייט, און אזוי ווייטער אלע יארן ווילאנג מען לעבט אויף דער וועלט.


אלעס איז דער אייבערשטער
וללכל בני ישראל
היה אור במושבותם
sruliheskel@gmail.com
מיר וואונטשן פאר אלע איינוואוינער
פון קרית ברסלב, פאר אלע אנזערע
צופרידענע קליענטן, און פאר גאנץ
כלל ישראל, **א כשר'ן פרייליכן יום טוב!**
**שלום שניצלער**
לייסענסד ריעל עסטעיט בראקער
(347) 731-3144
eRealtyAdvisors



# מעשיות פון תפילה

## לייבי אפפעל - קרית ברסלב:

גגאר א לאנגע צייט צוריק האב איך אריינגעגעבן צו מאכן א סאושעל פאר מיין ווייב. ס'איז אריבער א שטיק צייט און ס'איז נאכנישט אנגעקומען. איך האב אריינגערופן פרעגן די באאמטע פון די הויכע פענסטערס וואס דא גייט פאר, און זיי האבן מיך געזאגט איך זאל ווארטן נאך אביסל ביז ס'וועט אנקומען.

פארגאנגענע וואך האט זיך געמאכט - משום איזה סיבה שהוא - אז איך האב געדארפט האבן די סאושעל דרינגענד וויכטיג, איך רוף זיי אן פרעגן ווען ס'קומט אן, זאגן זיי מיר אז זיי האבן נאכאלץ נישט די קארטל, האב איך זיי געפרעגט אויב איך קען האבן די נומערן פון די סאושעל, זייער ענטפער איז געווען א בארבארישע "ניין!".

איך האב געזען אז מיט זיי וועל איך קיינמאל נישט ענדיגן בין איך געגאנגען צום אייבערשטן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן מיך ארויסגעבן די סאושעל סעקיורעטי נומער. דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן - אפאר טאג שפעטער האבן זיי מיך געגעבן די נומערן.

## שמשון הערש טייטלבוים - קרית ברסלב:

**א)** איך ארבעט אין קאנסטראקשן א גאנצע וואך, דורכאויס דעם טאג קומט אויס איך זאל שלעפן שווערע פעקלעך, האלץ, באקסעס, און דאס גלייכן.

איין אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען מיט געפערליכע שמערצן אויף מיין הענט, איך האב נישט געוואוסט וואס דאס איז און פון וואס דאס קומט. איך בין געגאנגען אין מקווה, געכאפט א שחרית און זיך געגומען צו דער עבודה. איך הייב אן ארבעטן און יעדע זאך וואס איך האב געוואלט טון מיט מיין הענט איז ממש נישט געגאנגען, ס'האט אזוי שטארק וויי געטון, איך האב פשוט נישט געקענט ארבעטן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן מיין הענט זאל זיך אויסהיילן, איך זאל צוריק קענען אנגיין מיט מיין טאג טעגליכע ארבעט. און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן, און נאך אסאך תפילות האט עס אויפגעהערט וויי צו טון.

**ב)** איך האב געדארפט פארן קיין וויליאמסבורג אויף שבת צוליב א משפחה שמחה, איך בין שוין געווען אויפן וועג אריין אין שטאט.

אינמיטן וועג האט מיין קאר אנגעהויבן מאכן פראבלעמען, ס'האט מיך געגומען צייט אויסצוגעפונען וואס די פראבלעם איז, און איינמאל מ'טרעפט די פראבלעם הייבט זיך פריש אן א גאנצע מעשה וויאזוי מ'פארעכט עס. אזוי איז אדורך א שיינע שטיק צייט ביז מ'האט געקענט פארזעצן מיט די נסיעה.

ווען מ'האט זיך צוריק אריינגעזעצט אין קאר צו פארן ווייטער האבן מיר באמערקט דעם זייגער און ס'איז אונז פשוט שלעכט געווארן... אונז האבן אליין נישט געכאפט ווי לאנג ס'האט גענומען די גאנצע מעשה, און יעצט ווילן מיר פארן ווייטער אבער ווי ס'קוקט אויס וועלן מיר אנקומען ממש נאנט צום שבת, האט די גאנצע משפחה אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז אונז זאלן אנקומען אין צייט געגוג פרי פאר דעם שבת קומט אן.

שכח אייבערשטער אז ס'איז גארנישט געווען קיין טרעפיק און אונז זענען אנגעקומען אין צייט, און מ'האט נאך געהאט צייט זיך צו צוגרייטן צום שבת רואיגערהייט.

שכח אייבערשטער.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

הַיינְט הָאבְּן מִיר מְסַיֵּם גֶעוֶוען תּוֹסֶפְתָּא סֵדֶר זְרָעִים, אוּן בִּכְלַל יֶעדֶע פָּאר טֶעג מַאכְט מֶען נָאךְ אַ סִיּוּם; דֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג זֶענֶען מִיר מְסַיֵּם מַסֶּכֶת חוּלִין פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי. **עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן צוּ וָואס פַאר אַ דַרְגָּא דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז;** אַז מִיר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן זָאלְן שְׁפַּאצִירְן אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אִיז זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ מְסַיֵּם זַיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): **"רָאוּי לָאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם"**, עֶס אִיז גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ דוּרְךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז דָא כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז גֶעוֶוען אִין יֶעדְן פְּלַאץ, **"כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים, שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת"**, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס פָּארְן אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז זֵיי גֶעבְּן אוֹיס אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אַלְץ נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען פַאר אַלֶעמֶען וואוּ זֵיי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶוען, **"כְּמוֹ שֶׁדֶּרֶךְ הַשָּׂרִים לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר: 'הָיִיתִי בְּוַרְשָׁא' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה"**, אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס 'אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין וַוארְשָׁא' אוּן נָאךְ, **"כְּמוֹ כֵן רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְנוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים כַּנַּ"ל"**, דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט: 'אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעלֶערְנְט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל'; **"וּלֶעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה"**, אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען אִים אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּם זַיין יֶעדְן עֶרֶב פֶּסַח 'מַסֶּכֶת תָּמִיד'; עֶס אִיז אַ קְלֵיינֶע מַסֶּכְתָּא פוּן זִיבְּן בְּלַאט וָואס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג אָנְצוּהֵייבְּן אוּן צוּ עֶנְדִיגְן. אִיךְ פִיר זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי אַלֶע יָארְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ בְּכוֹר הֵייבּ אִיךְ אָן דִי מַסֶּכְתָּא גְלַייךְ אִינֶדֶערְפְרִי אוּן אִיךְ עֶנְדִיג דָאס. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין כַּמָּה פְּעָמִים פָארְגֶעלֶערְנְט דִי מַסֶּכְתָּא פַאר תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים יָארְן צוּרִיק קוּקְן סְלֵיידְס וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן עֶס שְׁטֵייט מִיר נָאךְ פוּן דִי אוֹיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא; זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נֶעמֶען דִי מַסֶּכְתָּא אוּן דָאס מְסַיֵּם זַיין אוֹיף עֶרֶב פֶּסַח.

בְּנוֹסָף לָזֶה אִיז גוּט דוּרְךְ צוּ גֵיין מַסֶּכֶת פְּסָחִים לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אוּן דֶעם צְוֵייטְן טָאג פֶּסַח (דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מַסֶּכֶת סוֹטָה אוּן מַסֶּכֶת שְׁבוּעוֹת - יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בִּיז דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

**הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בַּאשְׁטֵייט פוּן צְוֵויי זַאכְן: 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' אוּן 'הַפָּצָה'; זֶע צוּ זַיין אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): **"וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"**; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): **"כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת"**, אָמֵן. אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## יוֹם טוֹב פֶּסַח

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן:** דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר: "אִיךְ וֵויס גָארְנִישְׁט וֶועגְן פֶּסַח"; אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אוּן אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ: "דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה". פֶּסַח וַוייזְט אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט; עֶר אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר.

דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶר אָפְּגָאט דֶעם 'טָלֶה'; זֵיי גְלֵייבְּן אִין מַזָּלוֹת אוּן אִין נַאטוּר, דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן שֶׁחְטְ'ן דֶעם 'טָלֶה' צוּ וַוייזְן אַז **עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין קלב:) אַז רַב חִסְדָּא זָאגְט: **"כָּל כֹּהֵן שֶׁאֵינוֹ בָּקִי בָּהֶן אֵין נוֹתְנִין לוֹ מַתָּנָה"**, מֶען קֶען נָאר גֶעבְּן דִי מַתְּנוֹת כְּהוּנָּה פַאר אַ כֹּהֵן וָואס קֶען אַלֶע הַלָּכוֹת וִוי אַזוֹי מֶען עֶסְט דִי מַתְּנוֹת כְּהוּנָּה. זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא אַז מֶען פַּסְקְ'נְט נִישְׁט אַזוֹי, **"דְּתַנְיָא, רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, כָּל כֹּהֵן שֶׁאֵינוֹ מוֹדֶה בַּעֲבוֹדָה אֵין לוֹ חֵלֶק בַּכְּהוּנָּה"**, רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט אַז נָאר אַ כֹּהֵן וָואס גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דִי עֲבוֹדוֹת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט נִישְׁט פוּן דִי מַתָּנוֹת.

זֶעט מֶען אַז דֶער עִיקָּר אִיז גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן הָאט אוּנְז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעגֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען שׁוֹין אַלֶע מַתָּנוֹת.



# א מעשה פון א צדיק

## נִישְׁט עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים רַחֲמָנָא לִצְלָן

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים סוֹפָר זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה בַּעַל מְחַבֵּר "מַחֲנֶה חַיִּים" וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן חַתַם סוֹפָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט דִי בַּאן אוֹיפְן וֶועג מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן דָארְטְן צְוִוישְׁן זֵיי אִיז גֶעזֶעצְן נֶעבֶּעךְ אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן הָאט גֶעגֶעסְן אַ חַזִיר סֶענְדְוִויטְשׁ.

הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים זִיךְ צוּ קְרִיגֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעשׁ וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער "מַחֲנֶה חַיִּים" אַ פְּרֶעג גֶעטוּהְן, וָואס טוּט זִיךְ דָארְטְן? הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַ אִיד עֶסְט דָבָר אַחֵר, הָאט עֶר פָארְגֶעהַאלְטְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף דֶעם אִיד נִישְׁט דַן זַיין, מֶען דַארְף אִים נָאר פְּרֶעגְן וואוּ וואוֹינְט עֶר, הָאבְּן זֵיי אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעפְּרֶעגְט דֶעם אִיד, וואוּ וואוֹינְט אִיר, הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר קוּמְט פוּן דִי שְׁטָאט אַרַאד, אָה עֶנְטְפֶערְט דֶער צַדִיק דֶער בַּעַל "מַחֲנֶה חַיִּים", עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶר קוּמְט דָאךְ פוּן אַזַא שְׁטָאט וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע, אַ טָמֵא וּמְטוּמָא, אַ מוּמָר לְהַכְעִיס, אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא אֶת הָרַבִּים, אוּן זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען אַהֲרֹן חוּרִינֶער, אוּן עֶר הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט אִיסוּרֵי כְּרִיתוּת אוּן סְקִילָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חַתַם סוֹפָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן בְּשֵׁם דָבָר אַ'חַ'ר', וָוארוּם דֶער


ספר

מחנה חיים

חלק שני על אורח חיים

אשר חברתי

אני הקטן חיים בן לאדוני אבי מורי הצדיק המפורסם

מוהר"ר מרדכי אפרים המכונה בפי כל ר' פישל בנו של

הצדיק האומן המפורסם במלאכת הקודש

מו"ה זוסמאן סופר זצ"ל מפ"ב

בתוך עמי אנכי יושב בק"ק מונקאטש

נוסח השער ממהדורה ראשונה הנדפס באונגוואר בשנת "יתברך" (תרלב)

ע"י המחבר ה"ה

הגאון האדיר המפורסם בעולם בתורתו ובצדקתו, לוחם מלחמת ה'

רבינו חיים סופר זצוקל"ל

שהי' אב"ד יעמרינג, סעמפעטר, מונקאטש, פעסט

בעמ"ח ספרים פלס חיים על פ"ק דגיטין, שו"ת מחנה חיים

שלש מהדורות, קול סופר על משניות, דברי שערי חיים

על התורה, שערי חיים על תהלים ומחברת שערי חיים

כעת יצא מחדש עם תיקוני טעויות והשמטות

הועתק והוכנס לאינטרנט

www.hebrewbooks.org

ע"י חיים תשס"ט

עיה"ק ירושלם תובב"א

שנת תשכז לפ"ק

טָמֵא'נֶער רָב הָאט זִיךְ גֶעחַתְמֶ'ט אַ'הֲרַן ח'וּרִינֶער רַ'בִּינֶער, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אַ'חַ'ר', פְּלֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חַתַם סוֹפָר רוּפְן דֶער דָבָר אַחֵר, אוּן דֶער אִיד הָאט לֵיידֶער מוֹדֶה גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי עֶר קוּמְט פוּן דִי שְׁטָאט אוּן דָארְטְן הָאט מֶען מַכְשִׁיל גֶעוֶוען מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפַאלְן אִינְגַאנְצְן, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן אַ רָב (שְׁטְרָאף) אַזוֹי קֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי רָב.

פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט זֵיי זָאלְן זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת הָאבְּן פוּן דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים.

(קונטרס "לאז נישט נאך")

# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- כ"ז -**

**פארזעצונג פון פריער:** דער רבי האט דערציילט אז ער האט געהאט גאר אסאך שווערע נסיונות אין קדושה, און פון דעסט וועגן האט ער זוכה געווען זיך צו שטארקן יעדעס מאל, און ער האט געוואונען די מלחמה מיט'ן יצר הרע.

***

דער רבי האט געזאגט אז ווער ס'איז אן אמת'ער חכם, אפילו א גוי, אויב איז ער אן אמת'ער קלוגער מענטש דארפן די שלעכטע תאוות בכלל נישט זיין פאר אים קיין נסיון.

ווען ס'קען זיך אויס מיט די חכמה ווי אזוי דער קערפער פון א מענטש איז געבויעט, ווי אזוי די גלידער פונעם מענטש זענען אויסגעשטעלט, דארף ער זיך זייער עקלען פון די שלעכטע תאוות. און דער רבי האט אסאך גערעדט איבער די מיאוס'קייט און עקלדיגקייט פון די שלעכטע תאוות.

אבער פארדעם, איידער ער איז געווארן אזוי שטארק הייליג און אויסגעארבעט אז ער האט זיך ממש פאר'מיאוס'ט פון אלע שלעכטע תאוות, האט ער געהאט זייער אסאך שווערע גרויסע נסיונות אין קדושה, וואס מ'קען גארנישט אויסרעכענען.

אין זיינע יונגע יארן, ווען די בלוט קאכט אינעם מענטש, האט ער געהאט פילע נסיונות, און ער וואלט געקענט זיך נאכגעבן די תאוות אסאך מאל, און דאן איז ער געווען אין א גרויסע סכנה נישט אריינצופאלן אין די הענט פונעם יצר הרע. פון דעסט וועגן האט ער זיך געהאלטן זייער שטארק, און מיט גרויס גבורה איז ער בייגעשטאנען אלע נסיונות, ער האט זיך געשטארקט איבער'ן יצר הרע און זיך צעבראכן די תאוות, איינמאל און נאכאמאל.

כאטש וואס ער האט געוואוסט ווי שווער די נסיונות זענען, האט ער זיך אבער נישט דערוייטערט א צווייטע מאל פון אנצוקומען צו א נסיון. פארקערט, ער האט דוקא געוואלט האבן שווערע נסיונות, ער פלעגט בעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים אונטערשיקן נסיונות, ווייל ער איז געווען אזוי זיכער ביי זיך אז ער וועט זיכער ביישטיין די נסיונות, ער וועט זיכער נישט דורכפאלן.

ער האט געוואוסט ביי זיך אז אויב וועט ער נאר האבן א טראפ שכל בשעת ס'קומט אים אונטער א נסיון, וועט ער זיכער נישט ווידערשפעניגן אינעם אייבערשטן חס ושלום, און טון אן עבירה רחמנא ליצלן. ווי אזוי איז דען מעגליך צו טון אן עבירה? ווי אזוי קען דאס געמאלט זיין עובר צו זיין אויפ'ן רצון פון הייליגן באשעפער?

ווען ס'איז אים אבער אונטערגעקומען א נסיון, איז ער געווען אין א גרויסע סכנה, און ער פלעגט דעמאלט זייער שטארק שרייען צום אייבערשטן, ביז ער האט זוכה געווען זיך צו שטארקן איבער'ן נסיון. און פון דעסט וועגן האט ער זיך נישט צוריק געהאלטן פון אנקומען נאכאמאל צו א נסיון, כאטש וואס בשעת די נסיון איז עס אים געווען זייער שווער. און אזוי איז געווען אן א שיעור מאל וואס ער האט זוכה געווען זיך צו שטארקן איבער אלע זיינע שווערע נסיונות. ביז דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז ער האט זוכה געווען צו ווערן זייער הייליג און אויסגעארבעט אין קדושה.




דער רבי האט געזאגט אז דער יצר הרע איז גרייט געווען אים אלעס נאכצוגעבן, אבי ער זאל נאכגעבן פאר'ן יצר הרע נאר איין זאך. אבער ער האט געזאגט פונקט פארקערט, אז ער איז גרייט אלעס אפצולאזן, און נאר דוקא אין די זאך וועט אריינלייגן אלע כוחות זיך צו שטארקן און עס אויסארבעטן.

דאס מיינט אז דער יצר הרע האט געקענט באשטיין ער זאל זיך אויסארבעטן אין אלע מדות און תאוות, נאר ער זאל מוותר זיין אויף איין זאך, ווארשיינליך אויף די וויכטיגסטע זאך - אויף קדושה - וואס דאס איז דער יסוד פון א איד. אבער דער רבי האט געזאגט פארקערט, ער וועט אלעס נאכגעבן, אבער אין קדושה וועט ער זיך אויסארבעטן אויפ'ן שטערקסטן אופן.

פארזעצונג קומט אם ירצה השם
**גענומען פון ספר "פעלת הצדיק"**

# היסטאריע

## מ"ב מסעות ווינקל #2

מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו

דער הייליגער דגל מחנה אפרים זכותו יגן עלינו ברענגט פונעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו אז יעדער איד גייט אריבער במשך זיין לעבן די מ"ב מסעות, אזוי ווי די אידן זענען אריבער אין מדבר. דאס איז בפרטיות יעדע איד באזונדער, בפרט אזא הייליג פלאץ ווי "היכל הקודש" איז זיכער אז אלעס איז מיט א חשבון צדק אנגעשריבן ווי דאס הייליגער ווינקל זאל וואנדערן גולה אחר גולה.

עס וואלט באמת געווען רייך און אינטערעסאנט צו אראפברענגען - למען ידעו דור אחרון - ווי די בית המדרש, ישיבה, תלמוד תורה, די מיידל שולע און אזוי ווייטער די קעמפ'ס פון היכל הקודש זענען געגאנגען אין גלות פולע מסעות, ביז ווילאנג מיר זענען אנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה, נישט צו איין פלאץ... נאר צו די אלע הונדערטער לאקאלן ווי היכל הקודש איז היינט סטאנציאנירט.

מען וועט דארפן אפציילן און זען צו צווישן אלע וואנדערונגען האבן מיר נישט געוואנדערט די אלע צוויי און פערציג מסעות... ווי די אידן אין מדבר, ביז היינט, וואס דער אייבערשטער האט געהאלפן אז היכל הקודש האט זיך גאר שטארק פארשפרייט, און האט שוין היינט פערמענאנטע בתי מדרשים, ישיבות, מוסדות אין אלע עקן פון די וועלט.

דאס וואס מיר ווילן דא אראפברענגען איז שוין נאר פון די לעצטע פופצן - צוואנציג יאר, זינט איך בין בזכיות חינם אנגעקומען צו דעם הייליגן פלאץ. הלוואי זאל מען טרעפן איינער וואס זאל אונז ברענגען די אינפארמאציע פון די ערשטע יארן, מיר זאלן קענען זען ווי היכל הקודש האט געוואנדערט זינט איר גרינדונג דורך אונזער גרויסער און הייליגער מנהיג אונזער רבי מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

איז לאמיר צוריקדרייען דעם זייגער, און צוזאמען פארן אויף דעם גאר אינטערעסאנטן רייזע. לאמיר פרובירן אין קורצן זיך אריינ'טובל'ן אין די אלע פלעצער ווי היכל הקודש האט געוואנדערט די לעצטערע יארן.

### ראבלינג סטריט

מיט גרויסע חסדים פונעם אייבערשטן בין איך מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן דורך מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג. דאס ערשטע מאל איך בין אריינגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש איז געווען שבת נאכמיטאג פרשת וארא תשס"ד, וואס האט זיך דאן געפינען אונטער די וויזנער דרייגודס געשעפט. די פלאץ איז אהערגעשטעלט געווארן דורך אונזער טייערער חבר דער געטרייער עסקן מו"ה יוסף וויזנער הי"ו וואס האט פיל געטון צו העלפן אונזערע מוסדות. עס איז געווען א פערהעלטנמעסיג קליין שטיבל, אבער עס האט געדינט די אורזאך וואס עס האט אויסגעפעלט. עס איז געווען א קליין באשיידן ווינקל - ווי מען האט גערעדט די דיבורים פון מוהרא"ש. עס האט צוגעצויגן אידן און פארשפרייט חיזוק רייד וואס מיר האבן זוכה געווען צו שעפן פונעם ריינעם קוואל פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.



ראבלינג סטריט אין יענע יארן

יענע תקופה איז נאכנישט געווען ארגאניזירט קיין מנין, מען איז זיך נאר צאמגעקומען צו שלוש סעודות, ווי איינער פון אנשי שלומינו האט פארגעלערנט. ווי אויך שבת נאכמיטאג איז פארגעקומען א שיעור אין שיחות הר"ן. שפעטער איז מען זיך אויך צאמגעקומען מאנטאג נאכט, ווי עס איז פארגעקומען א שיעור אין איינע פון דעם רבינ'ס ספרים, אבער קיין מנין איז נאך נישט

געווען. ווען איך בין אנגעקומען איז שוין געווען א מנין ביי מנחה שבת נאכמיטאג, אבער די איבריגע תפילות שבת האט מען נאכנישט געדאווענט דארט.

## דעוויזשאן עווניו

דאס פלאץ אויף ראובלינג איז געווען היבש ענג, ווי אויך זענען צוגעקומען בעזרת השם פרישע מקורבים, און מען האט דרינגענד געדארפט האבן א נייע פלאץ פאר א בית המדרש. ברוך השם נאך אסאך תפילות האבן מיר זיך אריבער געצויגן צו א נייער לאקאל. שבת שקלים תשס"ה האבן מיר געדינגען א פלאץ אויף דעוויזשאן עוועניו (היינט איז דארט די יעמרינג בית המדרש). דארט האבן מיר ארגאניזירט עס זאל זיין מנין שבת אלע תפילות. חודש אדר האבן מיר געהאט די זכי' אז מוהרא"ש איז געקומען צו א מלוה מלכה מוצאי שבת, און דערנאך איז באשטימט געווארן אז מוהרא"ש וועט קומען יעדע מוצאי שבת מברכים. פארשטייט זיך אז עס איז נאר געווען די וואכן וואס מוהרא"ש איז נישט געווען אין ארץ ישראל, ווי אויך נישט אין די זומער וואכן וואס רוב עולם איז געווען אין קאנטרי.

היות דער וואס האט פארדינגען דאס פלאץ האט געוואלט עווענטועל ניצן די שול פאר זיך, האבן מיר געהאט א חודש-צו-חודש ליעס, דאס הייסט אז מיר זענען געווען גרייט אז יעדע חודש - קען דער לענדלארד נעמען דאס פלאץ פאר זיך - און מיר וועלן זיך מוזן ווייטער ציען פון דארט צו א נייעם לאקאל. און אזוי איז טאקע געווען, אינמיטן דעם זומער תשס"ז האבן מיר באקומען א מודעה פונעם לענדלארד אז ער דארף שוין די פלאץ פאר זיך. אזוי האבן מיר געדארפט זיך ארויסלאזן זוכן א נייע פלאץ. מיר האבן זיך גענומען זוכן אבער דערווייל האט זיך עס געשלעפט און די צייט האט געברענט...

## בעדפארד

מיר זענען ארויס זוכן פלעצער און דערווייל האבן מיר געדאווענט אין שטוב פון מו"ה נחמי' וועבערמאן הי"ו אויף קלעסאן עוועניו. אין די תקופה וואס מיר זענען שוין געווען ארויס פון דעם אלטן בית המדרש אבער מיר האבן נאכנישט געהאט ווי אראפצולייגן אונזערע חפצים, האבן מיר אריינגעלייגט אלע ספרים און בענקלעך און די מיני ווען פון מו"ה שלמה זלמן גראס הי"ו, און אזוי זענען מיר ארומגעגאנגען זוכן א פלאץ.

אויף בעדפארד עוועניו געפונט זיך דער בית המדרש תולעת יעקב וואס איז דעמאלטס געשטאנען בנשיאות הגה"צ רבי חיים מערץ זצ"ל. אונטער זיין בית המדרש איז געווען א ליידיגע שטאק, עס איז געווען א קלער אז מיר זאלן רעדן מיט די גבאים, אבער אלע האבן געזאגט אז עס איז א שאד די צייט, ווייל ר' חיים וויל נישט פארדינגען דאס פלאץ. פולע בתי מדרשים זענען שוין געקומען זיך בעטן צו זיי קענען דינגען דאס פלאץ - עס איז געווען זייער א גוטע לאקאציע ווייל עס איז געווען פונקט אין צענטער פון שטאט - אבער ווי געזאגט האט קיינער נישט מצליח געווען אפצודינגען דעם פלאץ. און אזוי איז טאקע געווען מיר זענען אריבער צו די גבאים און זיי האבן געזאגט אז מצידם האבן זיי נישט קיין פראבלעם, אבער זיי ווייסן אז דער רב האט א טעם הכמוס פארוואס ער וויל עס נישט פארדינגען.

מיר זענען אריבער געגאנגען צו רבי חיים'ן אין שטוב, ווי באקאנט איז רבי חיים געווען א שותק - ער האט נישט גערעדט. מיר האבן זיך אראפגעזעצט ביי אים אין שטוב, און מיר האבן אנגעהויבן צו זאגן אז מיר זענען א חבורה יונגעלייט, ברסלב'ע חסידים - תלמידים פון מוהרא"ש. און מיר האבן צוגעלייגט אז מיר זענען א חבורה פון יונגעלייט וואס קיינער פון אונז גייט נישט שלאפן איידער מען לערנט א בלאט גמרא א פרק משניות, אלע זענען ארבעטס יונגעלייט, אבער קיינער גייט נישט שלאפן איידער ער לערנט זיין שיעור פונעם טאג אין חומש רש"י מיטן תרגום. עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען ווי רבי חיים האט געעפענט די אויגן מיט וווּנדער, עס איז געווען קענטליך אויף אים אז אזא חבורה האט געהאט א שטארקע חשיבות אין זיינע אויגן. און צו יעדעמ'ס ווינדער... יא! מיר האבן באקומען דעם איינעם שאקל מיט'ן קאפ אז מיר קענען דינגען דאס פלאץ.

די גבאים האבן זיך געוווּנדערט און נישט געקענט פארשטיין נאכדעם וואס די נאכפראגע פון דעם בית המדרש איז געווען אזוי גרויס, און רבי חיים האט ביז דאן דאס קיינמאל נישט געוואלט פארדינגען.

מיר האבן זיך ברוך השם אריינגעצויגן אין יענעם לאקאל, ווי מען האט געדאווענט אלע תפילות שבת, ווי אויך זענען פארגעקומען שיעורים אינמיטן וואך.

## ערשטע ספר תורה

דארט האבן מיר געקויפט דעם ערשטן ספר תורה פון היכל הקודש וויליאמסבורג. מיר האבן געהאט די זכי' אז מוהרא"ש איז געקומען צום הכנסת ספר תורה. אגב ווען מיר האבן געקויפט דעם ספר תורה האב איך גערופן מוהרא"ש פרעגן אויב מען זאל מאכן א הכנסת ספר תורה. מוהרא"ש האט געענטפערט מיט דעם מאמר חז"ל 'אין לך יפה מן הצניעות', און ווי חז"ל זאגן אז די ערשטע לוחות ווייל עס איז איבערגעגעבן געווארן מיט א פאמפע וועגן דעם איז עס צובראכן געווארן, און וועגן דעם איז די צווייטע לוחות שוין געגעבן געווארן אויף א שטילן אופן. מוהרא"ש האט געזאגט מיר זאלן נישט מאכן קיין פרסום, נאר דאס אריינגעבן אויף



דעוויזשאן עוועניואין יענע יארן

גאר א באשיידענעם שטילן אופן. און אזוי איז טאקע געווען די סיום און די כתיבת האותיות אין בית המדרש. ווי אויך האט מען עס נישט געטראגן אין די גאסן. אבער אין בית המדרש האבן מיר געהאט די זכי' אז מוהרא"ש איז געקומען, מוהרא"ש האט פארגעזאגט לדוד מזמור און מען האט געטאנצן אין בית המדרש. דערנאך איז געווען א סעודה ווי מוהרא"ש האט משמיע געווען דברות קודש, (זעט די בילדער ביים אנדערן עמוד). ביי יענעם שיעור האט מוהרא"ש געזאגט דעם דיבור וואס רבי נתן האט געזאגט ווען אנשי שלומינו האבן זיך געוואלגערט און נישט געהאט קיין אייגענעם בית המדרש: "ווילאנג איר האט נישט קיין אייגן פלאץ האט איר נאך גארנישט געטון פאר'ן רבי'ן"!

## שערי שמחה - בית יואל

אבער אפילו זייענדיג אין דעם לאקאל אויף בעדפארד עוועניו, זענען געווען קליינע מסעות אינצווישן. איינע פון די תנאים וואס מען האט זיך געהאט אויסגענומען מיט אונז ווען מיר האבן געדינגען דעם בית המדרש איז געווען, אז היות זיי פארמאגן נישט קיין ווייבער שול, און ווען עס קומט די צייט פון ימים טובים, ראש השנה, יום הקדוש, סוכות, און שמחת תורה, דאס הייסט רוב חודש תשרי, די צייט האבן זיי געדארפט דעם פלאץ פאר א ווייבער שול, האבן מיר געדארפט זוכן חודש תשרי א פלאץ ווי צו דאווענען.




בית המדרש תולעת יעקב אויף בעדפארד

מיר האבן טאקע געפראוועט א שיינע פאר יאר יום הקדוש, סוכות, און שמחת תורה, אין די זאל פון שערי שמחה - די פלאץ וואס איז געווען דעם ערשטן בית המדרש פון רבינו הקדוש מסאטמאר זכותו יגן עלינו.

איין יאר האבן מיר נישט געקענט באקומען דעם פלאץ, האבן מיר געפראוועט די ימים טובים אין זאל פון בית יואל, וואס איז אויך אין א אינטערעסאנטע צופאל געווען דעם בית המדרש פון רבינו הקדוש מסאטמאר זכותו יגן עלינו.

אין יענע תקופה איז גאנץ היכל הקודש אין וויליאמסבורג באשטאנען פון אפאר יונגעלייט וואס זענען געקומען הערן חיזוק, עס איז נאך דאן נישט געווען קיין ישיבה, און אוודאי נישט קיין מוסדות פאר אונזערע קינדער. אין יענע תקופה שנת תשס"ט - נאך זייענדיג אין יענעם בית המדרש - האבן מיר געעפענט די ישיבה ווי אויך שפעטער די תלמוד תורה.

## ויסעו

הגם די בית המדרש האט זיך נאכנישט געצויגן ווייטער, אבער איינמאל מיר האבן אפגעמאכט אז מיר גייען עפענען א ישיבה האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויף די שווערע ארבעט פון זוכן א פלאץ וואס איז געאייגענט פאר א ישיבה.

איך וועל נישט אריינגיין אין יעדן לאקאל וואס מיר זענען געגאנגען קוקן, אדער פלעצער וואס מיר האבן כמעט... געהאט, און עס איז בחסדי השם געווארן אויס. איך האף אז מיר וועלן נאך באשרייבן די ישיבה באזונדער, דארט וועלן מיר דעקן וואס מיר זענען אריבער ביז מיר האבן געטראפן די פלעצער וואס מיר זענען דארט געווען.

## די זאל פון קליימער טערעס

ויסעו ויחנו... עס איז טאקע געווען א קליינע חניה, אבער גאר א סטראטעגישע חניה. דארט אין קליימער טערעס זענען מיר אינגאנצן געווען פאר אפאר טאג אבער דער אטאם איז געשאסן געווארן... די ישיבה וואס איז היינט די צענטער, די חיות, די לעבן, די האפענונג פאר די גאנצע וועלט - איז דארט געעפענט געווארן...

עס פארלאנגט זיך א אריכות איבער דעם ווי מיר זענען אנגעקומען קיין קליימער טערעס, ברם יזכר אותו האיש לטובה ר' אברהם אליהו פירטה ז"ל וואס האט אונז געגעבן די זאל זיך צו סטאנציאנירן - פאר געציילטע טעג - אן קיין אפצאל, זאל דאס אים זיין לזכות נשמתו. דער זאל "קליימער טערעס" שטייט שוין נישט היינט, עס איז פארניכטעט געווארן אין א שריפה קורץ נאכדעם וואס מיר זענען דארט געווען.

ביני לביני זענען אלע אנשי שלומינו געווען אייגעשפאנט, יעדער איז געווען אויף די אלערט אז מען דארף א פלאץ געאייגענט פאר די נייע ישיבה. טאקע נישט ישיבת היכל הקודש, אבער ישיבה תפארת התורה וואס שטילערהייט האבן אלע געוויסט אז דא וועט מען פראקטיצירן און אריינגעבן די הייליגע לויטערע לימודים וואס מיר זענען מקבל פון אונזערע גרויסער געטרייער מנהיג מוהרא"ש.

## וואלטאן סטריט - טרעבישאן

מיר האבן טאקע געעפענט די ישיבה, אבער מיר זענען געזיצן אויף שפילקעס דארט אין די זאל פון קליימער טערעס - וויסענדיג אז מיר קענען נישט זיין דארט פאר מער ווי א פאר טעג. ממש געציילטע טעג אריין אין זמן איז אריבער געקומען מו"ה מענדל קאהן הי"ו ברענגענדיג א גוטע בשורה: ער האט א פלאץ! מיר דארפן אריבערגיין היינט נאכט רעדן מיט דעם רב פונעם בית המדרש. מיר זענען אריבער צו דעם רב, און מיר האבן אויסגעארבעט די דעטאלן איבער די ישיבה, און מיר האבן ברוך השם געסיינט קאנטראקט.

## ישיבה תפארת צבי

היות מיר האבן זיך צאמגעשטעלט מיטן רב פון יענעם בית המרדש וואס איז געווען על שמו ועל זכרו פון זיין זיידן דער קרעטשניפער רבי'ן זצ"ל, האבן מיר געטוישט דעם נאמען פון "ישיבה תפארת התורה" צו די ישיבה תפארת צבי




05/27/2009


כתר תורה
ס"ת זה נתנדב ע"י אנ"ש
תלמידי היכל הקודש
דחסידי ברסלב
וומס"ב




05/27/


05/27/2009











**קליימער טערעס אפגעבערענט**

טרעבישאן. אזוי ווי מוהרא"ש האט געשריבן אין א בריוו פאר'ן ראש ישיבה אז ער זאל עפענען א ישיבה און מען זאל לערנען דעם רבי'נס לימודים - און עס מוז נישט האבן די נאמען ברסלב.

ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה האבן מיר נישט געקענט טראכטן אז א ישיבה קען זיין אנדערש ווי א געווענטליכע ישיבה, דאס הייסט אז מען דארף האבן מגידי שיעור פאר יעדע כיתה, פרישטאג, לאנטש, א סדר פאר פארמיטאג און נאכמיטאג, באזונדערע שטובער פאר יעדע כיתה.

מיר האבן דאן אויפגענומען א גאנצע שטאב מיט מגידי שיעור פאר דריי כיתות, ווי אויך א משגיח. מיר האבן באשטעלט פארטיגע עסן פון א רעסטוראנט ווי מען האט דאס געברענגט אין ישיבה יעדן טאג פאר פרישטאג און מיטאג.

ביינאכט האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט א פרק משניות און דערנאך איז איז געווען א שיעור התחזקות.

אינמיטן די יאר האט זיך זייער געשטארקט די מחלוקת, און מען האט געלייגט שטארקע דרוק אויף דעם רב קעגן אונז. דעמאלטס האט ער פארלאנגט אז מיר זאלן אראפנעמען זיין נאמען. דאן האבן מיר צוריק געטוישט די נאמען פון די ישיבה צו 'ישיבה תפארת התורה'. פון דארט האט זיך געמאכט קליינע מסעות אינדערצווישן, מיר זענען געפארן צו ראלי האטעל פאר א שבת התוועדות און אזוי נאך קליינע מסעות'לעך.

## ווידער אין גלות

דער קאנטראקט איז געווען ביז ניסן תשס"ט. אזוי ווי עס האט זיך געמאכט פארשידענע קאמפליקאציעס, האבן מיר ווייטער געדארפט נעמען דעם וואנדער שטעקן אין די הענט און זיך ארויסלאזן זוכן א פלאץ פאר די ישיבה.

## בארא פארק - שעניא

ויסעו, נאך אסאך תפילות האט דער אייבערשטער געהאלפן אז מען האט געטראפן א פרישע פלאץ פאר די ישיבה. ראש חודש ניסן תשס"ט האט זיך די ישיבה אריבערגעצויגן קיין בארא פארק, צום בית מדרש שעניא אויף די 58סטער גאס. דארט זענען ווייטער אנגעגאנגען די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א. עס איז געקומען א סורפרייז יענעם זומער זמן ווען מיר האבן באקומען א טעלעפאן רוף פון מאור עינינו מוהרא"ש זצ"ל, אז ער וויל קומען געבן א שיעור פאר די בחורים. מוהרא"ש האט דאן מורא'דיג מחזק געווען די בחורים. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל מיר האבן געהאט די זכי' אז מוהרא"ש איז געקומען אין ישיבה.



ישיבה ומתיבתא
תפארת צבי טרעבישאן

SHIVA & MESIVTA
FERES TZVI TREBISHAN

בס"ד

אזוי ווי מיר גרייטן זיך צו די גרויסארטיגע שבת התאחדות לבחורי ישיבתנו הקדושה אבער מיר מיזן האבן די מיטארבעט פון אלע בחורי ישיבתנו - כדי מיר זאלן קענן ווייטער פארזעצן מיט די הכנות.

על כן, טוהן מיר מודיע זיין אז יעדע בחור מיז ברענגן $260

ווער עס ברענגט עס ביז יום א' דחנוכה וועט באקומען א הנוחה (דיסקאנט) פון $50.

די געלט וועט מען קענען איבערגעבן פאר הבה"ח יעקב פיש ני"ו אדער פאר הבה"ח אלי' קנאלל ני"ו

תודה רבה למפרע

מיר זענען געווען דארט א שיינע זמן ביז'ן זומער - ווי מיר זענען געגאנגען אין ערשטן קעמפ פון די ישיבה - צוזאמען מיט געציילטע אנשי שלומינו וואס האבן ארויסגעהאלפן.

אז איך שרייב וועגן דעם סטאנציע ווי די ישיבה האט געוויילט פאר א שיינער זמן - איז זייער אינטערעסאנט צוצולייגן אן אינטערעסאנטע השגחה וואס דער אייבערשטער האט צוגעפירט, א בחינה פון 'תורה מחזרת על אכסניא שלה'. די מעשה איז געווען אז איך בין געווען אמאל מיט'ן ראש ישיבה ביי מוהרא"ש אין צימער, האט מוהרא"ש איבערגעגעבן א אינטערעסאנטע בריוו פארן ראש ישיבה, וואס דער זיידע פונעם שעניא רב -הרב הגאון ר' יצחק אייזיק ליבערמאן ז"ל בעסערמינער רב - האט געשריבן מיט א ברען וועגן לערנען דעם הייליגן ספר 'אשר בנחל'. דער זיידע פון דעם רב פונעם שעניא בית המדרש האט געהאט א מורא'דיגע געפיל אין די ספרים פון מוהרא"ש.

ער שרייבט פאר זיין אייניקל אור ליום ד' וירא שנת תשל"ט. אינמיטן די בריוו שרייבט ער די ווערטער "והנה מונח לפני ספר חדש אשר בנחל חלק ג' והוא קובץ מכתבים ברסלב נדפס בירושלים, והוא מלא מכתבים תשובה והתחזקות כאלו, אשר לא נשמעו מעולם. מתוק מדבש כלו נאה. והרואה יאמר ברקאי מאיר עיני חכמים וישרים בלבותם. יזרח אור חדש, טעם גן עדן, כלם בחכמה כדרכם בקודש. הבט נא וראה, ותשכח שם אלף תשובות על כל דבר. סוף הספר נדפס מאמר מקור השמחה".

נאכדעם אפאר שורות שפעטער שרייבט ער נאכאמאל "אך חזק ואמץ, וספר אשר בנחל לא ימוש מפיך, למוד בקול כל אשר כתוב שם, ולא בעיון בלבד, רק בפה, בכל עת עם יותר חשק".

## בעהוץ - סוואן לעיק

מיר זענען ארויסגעפארן מיט די בחורים צו די בערג ווי מיר האבן פארברענגט 8 וואכן צווישן די ריינע לופט. דעם זומער האבן מיר אויך

געהאט די זכי'ה אז מוהרא"ש איז געווען אויף א שבת אין קעמפ, ווי אויך איז געווען א שיעור פון מוהרא"ש אינמיטן זומער. נאכן זומער זענען מיר צוריק געקומען און מיר האבן געענדיגט די זמן אין יענעם בית המדרש.

עס האט זיך ווייטער געענדיגט די ליעס, עס איז געווען דארט פראבלעמען מיט די שכנים, מיר האבן זיך פרובירט איינצובעטן ביי זיי, אבער דער אייבערשטער האט אנדערש געוואלט.

## פרענקלין עוועניו - בית המדרש קלעסאן

**תשרי תש"ע:** מיר זענען אריבער צו מוהרא"ש פארציילן אז מיר מוטשענען זיך מיט א פלאץ, און מוהרא"ש האט אונז געזאגט: "איר וועט טרעפן א פלאץ דעם חול המועד סוכות". סוכות איז אריבער אבער מיר האבן נישט געטראפן קיין פלאץ. מיר האבן געקוקט אפאר פלעצער, צווישן זיי די בית המדרש פון הרב משה גרין ז"ל אויף ראטלידזש סטריט. מיר האבן באקוקט א ליידיגע פלאץ אויף בעדפארד עוועניו אונטער ווי עס געפינט זיך די יעצטיגע פרינט אוט געשעפט. אויך זענען מיר געגאנגען קוקן די בעיסמענט אויף 80 סקילמאן. און יא... איינע פון די פלעצער וואס מיר האבן געקוקט דעמאלט איז געווען א ליידיגע ווערהויז אויף סקילמען סטריט... יא זיבן און צוואנציג סקילמען סטריט. אבער קיין איינס פון די פלעצער האבן נישט אויסגעזען אינטערעסאנט.

אין די טעג נאך סוכות פון יענעם יאר בין איך צעבראכענערהייט אריבער אין בית המדרש אויף בעדפארד עוועניו, עס פלעגן זיך זעלטן טרעפן דארט מענטשן, אבער איך פלעג גיין פון צייט צו צייט אינמיטן די וואך לערנען מיינע שיעורים. איך בין אריין אין בית ההמדש און איך טרעף מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו זיצן און לערנען זיינע שיעורים. איך האב מיך אויסגערעדט מיין הארץ פאר אים. דערציילט ער מיר אז הרב הגאון ר' אנטשיל שעהר שליט"א האט יעצט געעפענט א בית המדרש אויף פרענקלין עוועניו, אפשר וועט ער מסכים זיין צו פארדינגען דעם פלאץ - הגם סאיז א נייע בית המדרש אבער עס שאדט נישט



צו פראבירן. מיר זענען אריבער צו אים, און צו אונזער וואונדער האט ער ברוך השם מסכים געווען עס צו פארדינגען.

מיר האבן געסיינט קאנטראקט ווי מיר האבן אנגעהויבן א פרישע זמן החורף שנת תש"ע.

דא איז די פלאץ צו דערמאנען א הכרת הטוב פאר הרב הגאון רבי אנטשל שעהר שליט"א, וואס אין יענער תקופה ווען די ישיבה איז געווען סטאנציאנירט ביי אים דאן איז געווען ממש די שווערסטע תקופה וואס מיר זענען אריבער, מיר זענען געווען אונטער א פייער און האגעל פון פראטעסטן, פון סטראשונגען, ישיבת בית דין, מיר האבן געהאט פאליציי אין ישיבה יעדן צווייטן טאג, און נאך אסאך טערער וואס מיר זענען ליידער אריבער יענע צייט פון אנשי דלא מעלי, וואס האבן פרובירט מיט אלע כוחות אונטערצוברענגען די ישיבה, דער רב שליט"א איז געשטאנען ווי א לייב, זייענדיג א שטארקע ציל ברעט מען האט אים גאר שטארק טעראריזירט, מיט כל מיני טערער און סטראשונגען אז ער זאל אונז מוזן ארויסווארפן, און אזוי ארום צומאכן די ישיבה היל"ת, (געוויסע זאכן וואס מען האט אים געסטראשעט קען מען ניטאמאל ארויפברענגען בכתב) אבער ער האט זיך געהאלטן פעלזן פעסט און זיך נישט דערשראקן פון אלע טערער, ער פלעגט זאגן פאר אלע וואס זענען אים געקומען פארהאלטן: היתכן דו האלסט אזא ישיבה ביי דיר אין בית המדרש, פלעגט ער זאגן איך שטיי אין ווייבער שול און איך קוק אראפ, איך זע מיט מיינע אויגן ווי עס זיצן בחורים פון אינדערפרי ביז ביינאכט און לערנען מיט אזא התמדה, מיר קען מען נישט פארקויפן קיין שום ליגענט קעגן דעם פלאץ.

## תלמוד תורה היכל הקודש אויף בראדוועי

ושם... דארט איז צוגעקומען נאך א רינגעלע צו די מוסדות תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב. פסח האט מען אויסגערופן אז מיר עפענען א תלמוד תורה היכל הקודש - נאכן אריבערגיין צו מהרא"ש און איבערגיין די דעטאלן. יעצט האבן מיר שוין געהאט א תלמוד תורה, עס האט נאר.... געפעלט א פלאץ.

אלעס איז דא, קאפ וויי, חובות, אפילו אפשר... אפאר קינדער אויך... אבער יעצט דארף מען א פלאץ. מיר האבן געריסן תפילות, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האבן מיר במשך פון יום טוב גערעדט מיטן לענדלארד פון דעם בנין אויף בראדוועי, די אונטערשטע שטאק פון די בנין האט ער געהאט איין גרויסע דירה מיט א בעיסמענט, מיר האבן אפגעמאכט אז מיר וועלן סיינען קאנטראקט אסרו חג פסח. אסרו חג פסח תש"ע האבן מיר מיטן אייבערשטענ'ס הילף געסיינט קאנטראקט.



תלמוד תורה קינדער די ערשטע יאר

איך האף אז איר האלט נאך קאפ... מיר באזיצן שוין רענט פון פיר לאקאלן 1. א בית המדרש אויף בעדפארד עוועניו. 2. א ישיבה אויף פרענקלין 3. א תלמוד תורה אויף בראדוועי 4. א דארמיטארי פאר די בחורים (דאן געווען אויף ראסס סטריט).

עד כאן די ערשטע חלק פון די מ"ב מסעות. אם ירצה השם דעם קומענדיגן געלעגענהייט וועלן מיר שרייבן ווייטער די צווייטע חלק פון די מסעות.

# נסיעה פונעם ראש ישיבה קיין ארץ ישראל פרשת שמות תשפ"ג

### א נסיעה

# מיט'ן ראש ישיבה

צום יעצטיגן יום טוב פסח, האבן מיר געכאפט א שמועס מיט אונזער חבר החתן יוסף זינגער נרו יאיר וואס האט געהאט די זכי' מיטצופארן מיטן ראש ישיבה שליט"א קיין ארץ ישראל, פארגאנגעם ווינטער.

לאמיר הערן פון אים וואס ער האט צו פארציילן וועגן דעם הערליכן נסיעה, און נאך אסאך שיינע פרטים וואס איז פארגעקומען במשך די נסיעה.

מיר געבן איבער דאסווארט פאר יוסי:

קְרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם



דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים עיר הקודש

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו קענען מיטהאלטן פון דער נאנט די גרויסארטיגע נסיעה פון דער ראש ישיבה קיין ארץ ישראל שבת פרשת שמות תשפ"ג, ווי איר ווייסט אלע קען מען אזא נסיעה נישט אראפ שרייבן ווייל ס'וועט אויפנעמען א גאנצע בלעטל... אבער ווי נישט ווי וויל איך נישט זיין סעלפיש, וועל איך פרובירן אראפצושרייבן ממש אויפן שפיץ גאפל דאס ביסל שמועסן און שיחות וואס איך געדענק.

מיטוואך פרשת שמות תשפ"ג בערך זיבן אזייגער נאכמיטאג האט זיך דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט צו די נוארק עירפארט, מ'האט אריינגעטשעקט בערך אכט אזייגער.

בשעת'ן ווארטן אין די ליין אריינצוטשעקן די רענצלעך האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "באמת וואלט איך געדארפט קומען אסאך מער קיין ארץ ישראל, אנשי שלומינו אין ארץ ישראל זענען אזוי בענקעדיג, אבער איך קען נישט איבערלאזן מיין ווייב און קינדער יעדע שטיק צייט, ס'איז ממש מסירת נפש פאר א פרוי צו לאזן די מאן גיין קיין ארץ ישראל, איך פיל ווי איך קען אפילו נישט מיטנעמען קיין אינגעלייט ווען איך פאר, איך קען נישט אוועקשלעפן אינגעלייט פון זייערע ווייבער".

מ'האט געשמועסט דארט פון חתונה מאכן די קינדער, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז איינע פון זיינע קרובים האבן א טאכטער א מיידל פון ניינצן יאר און זיי האלטן עס ממש נישט אויס, ווייל ביי זיי איז ניינצן יאר זייער אלט, און זיי מאכן איר נישט חתונה ווייל זיי קענען נישט טרעפן א בחור וואס האט חן, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'דארף חתונה מאכן די קינדער אפילו אן חן. און דער ראש ישיבה האט נאכדעם געזאגט: "ברוך השם אז איך האב באקומען א גלעט פונעם אייבערשטן אז מיינע קינדער און איידימער האבן יא חן".

מ'איז אריינגעגאנגען אין א שמועס פון מענטשן וואס באקומען חלישת הדעת און זיי גייען אוועק פון היכל הקודש, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז דא די ניגון פון יוסי גרין "והיה הנשאר בציון והנותר בירושלים, קדוש יאמר לו", אז די אלע וואס דערהאלטן זיך אין היכל הקודש, ס'איז טאקע נישט גרינג, אבער ווער ס'דערהאלט זיך איז שפעטער זוכה צו שיינע זאכן.

נאכדעם האט מען שוין אריינגעטשעקט די רענצלעך, דער ראש ישיבה איז געווען זייער זייער פרייליך אז ער איז זוכה צו פארן קיין ארץ ישראל.

די גאנצע וועג איז אדורך זייער שיין, דער ראש ישיבה האט געלערנט תיקוני זוהר כמעט די גאנצע וועג, דער ראש ישיבה האט אויך געוואלט שרייבן בריוון אבער בטעות זענען די צעטלעך געבליבן אינדערהיים.

ווען מ'איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל אין עירפארט האט מען גלייך גענומען דער ראש ישיבה אין א זייט און צוגענומען די פאספארט. בשעת דער ראש ישיבה האט געווארט האט ער די גאנצע צייט געלערנט תיקוני זוהר, אינמיטן קומט מען זאגן פאר דער ראש ישיבה אז ער קען נישט אדורך גיין די גרעניץ, דער ראש ישיבה האט ווייטער געלערנט אין א זייט, אונז האבן זיך דערשראקן - אבער דער ראש ישיבה האט ווייטער געלערנט. מ'האט ממש גארנישט געקענט זען אויף דער ראש ישיבה אז עפעס גייט פאר. אונז האבן פרובירט צו געבן עצות, און דער ראש ישיבה רופט זיך אן מיט אזא אמונה: "אלעס איז דער אייבערשטער, אלעס איז דער אייבערשטער", איך האב עס מורא'דיג באוואונדערט.

נאכדעם האט מען גענומען



דריי פון אנשי שלומינו וואס זענען מיטגעפארן. הרב נתנאל פארקאש שליט"א , מו"ה יעקב פיש הי"ו און החתן יוסף זינגער הי"ו



ביים ציון פון מוהרא"ש אין יבנאל

דער ראש ישיבה אין א פריוואטע צימער, דער ראש ישיבה האט נאר געהאט א תהלים מיט זיך. נאכדעם האט מען אריינגעשיקט א תיקוני זוהר פאר דער ראש ישיבה, דער ראש האט נאכדעם געזאגט אז ער האט דארט מחדש געווען שיינע חידושים אויף תיקוני זוהר.

נאך אפאר שעה האט מען ארויסגעלאזט דער ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ס'איז געווען מיט גרויס חסדים"...

מ'האט זיך ארויסגעלאזט אויף א נסיעה קיין יבנאל, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אויפן וועג: "יעדעס מאל איך קום קיין ארץ ישראל מוז איך גיין צו מוהרא"ש'ס ציון, מוהרא"ש האט דאך געזאגט אז מ'זאל קומען צו אים מפעם לפעם. האט איינער געפרעגט אויב מוהרא"ש'ס ציון העלפט נאר פאר א שידוך, אדער עס העלפט אויך פאר אנדערע זאכן. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מענטשן מיינען אז ביי מוהרא"ש קען מען נאר פועל'ן א שידוך ווייל דאס שטייט אויפן מצבה, אבער וועלכע ישועה מ'דארף נאר, איז מוהרא"ש'ס ציון מורא'דיג מסוגל צו פועל'ן, אזוי האט מוהרא"ש געשריבן אין די צוואה".

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו יענקי פיש: "געוועהנליך ווען א מענטש וויל ברעכן אונטערוועגנס זאגט ער פארן דרייווער די גאנצע צייט: "נו קום שוין אן, קום שוין אן, איך וויל שוין ברעכן", אבער יעצט זאג איך: "נו קום שוין אן, קום שוין אן, איך וויל זיך שוין אויסגיסן דאס הארץ ביי מוהרא"ש.

מ'איז אדורך געפארן מוהרא"ש'ס הויז, האט דער ראש ישיבה דערציילט אז מוהרא"ש האט געזאגט אז נאך זיין פטירה זאל קיינער נישט איבערנעמען די הויז, ווייל דארט וועט משיח איינשטיין.

מ'איז אנגעקומען צום ציון פון מוהרא"ש אין יבנאל, דער ראש ישיבה האט זייער אסאך געוויינט ביים ציון. נאך א האלבע שעה דארט זיין האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו אונז: "עטס ווילטס שוין גיין אדער עטס ווילטס נאך מאכן התבודדות דא?", און דער ראש ישיבה איז צוריק געגאנגען צום ציון פאר נאך אפאר מינוט.

מ'איז ווייטער געפארן און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט זיך זייער שטארק מתבודד געווען. האט זיך איינער אנגערופן אז ער האט פרובירט צו מאכן התבודדות אבער ס'גייט נישט, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "מ'רעדט ארויס איין דיבור צום אייבערשטן, נאכדעם נאך א דיבור צום אייבערשטן, און נאך אסאך צייט קען מען אנהייבן מאכן התבודדות".

נאכדעם איז מען געפארן צו רבי מאיר בעל הנס, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פארן דרייווער: "איך מוז גיין צו רבי שמעון בר יוחאי און צו רבי מאיר בעל הנס, דאס זענען די דריי עיקרים וואו מ'גייט ווען מ'פארט קיין ארץ ישראל, צו רבי שמעון, צו רבי מאיר און צו מוהרא"ש".

פאר מ'איז אריין צו רבי מאיר האט גערעגנט זייער שטארק, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אין ארץ ישראל טאר מען נישט בעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אויפהערן רעגענען, ווייל אין ארץ ישראל איז רעגן א ברכה". האט איינער געפרעגט וואס מ'קען יא טון, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מ'קען בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל נישט ווערן נאס"...

וויבאלד ס'איז געווען זייער רעגנדיג זענען די שיך געווארן מאראסטיג, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מ'מוז זיך קודם אפוואשן די שיך, ווען מ'קומט צו א צדיק מוז מען גיין שיין אנגעטון".

מ'איז אריין צו רבי מאיר, און דער ראש ישיבה האט געזאגט זיבן קאפיטלעך, און מ'איז ווייטער געפארן.

אויפן וועג האט מען גערעדט פון אברעמל ראטמאן וואס האט צוגעשטעלט די גאנצע נסיעה פאר דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ס'איז נישט דא נאך אזא געטרייע תלמיד ווי אברעמל, ער רעדט ווייניג און טוט אסאך!"... און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "די מענטשן וואס טראכטן פון געלט מיינען אז איך בין געפארן קיין ארץ ישראל ספעציעל פאר אברעמל'ס ברית, אבער דאס איז נאר די מענטשן וואס טראכטן פון געלט, איך האב שוין געפלאנט די נסיעה אסאך פארדעם, זעט אויס אז אברעמעל האט געמאכט אסאך תפלות איך זאל זיין ביים ברית"...

דער ראש ישיבה האט זיך געהאלטן אין איין אנטשולדיגן אז ער האט אונז אויפגעהאלטן פאר זעקס שעה אין עירפארט (נישט נאר איך בין נישט געווארן אויפגעהאלטן, נאר איך בין אזוי נתפעל געווארן, מ'האט אויפגעהאלטן דער ראש ישיבה, איך בין געווען אזוי דערשראקן "וואס גייט זיין... וואס טוט מען דא?..." און דער ראש ישיבה האט די גאנצע צייט געזאגט: "דער אייבערשטער וועט העלפן, ס'איז מיט גרויס חסדים, וכו'"...).

מ'איז ווייטער געפארן קיין מירון, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער איז שוין זייער פרייליך אז מ'גייט קיין מירון.


ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טברי'

אויפן וועג קיין מירון האט מען געזען א שילד וואס שטייט: "והיה ד' למלך על כל הארץ...", און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מיין זיידע - דער קארלסבורגער רב זצ"ל האט זייער הנאה געהאט פון דעם, ער פלעגט מיך עס אלץ ווייזן ווען מיר פלעגן עס אדורך פארן".

דער ראש ישיבה איז ערשט ארויף געגאנגען צו זיין זיידע'ס ציון, נאכדעם איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו זיין חלקה אין מירון און זיך מתבודד געווען דארטן. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מיין זיידע האט געטראפן אזא גוטע פלאץ צו ליגן, נעבן רבי יוחנן הסנדלר און נעבן רבי שמעון".

דער ראש ישיבה איז נאכדעם אריין צו רבי שמעון און דער ראש ישיבה האט געזאגט אביסל תהלים און נאכדעם געלערנט אסאך תיקוני זוהר, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אויפן וועג אריין האב איך געטראכט אז איך גיי מאכן א סיום אויף תיקוני זוהר, אבער איינעווייניג האט איך אפגעמאכט אז איך מאך נישט קיין סיום מער, איך קען נישט כאפן די ווערטער, איך דארף הנאה האבן פון יעדע ווארט".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט מיט זיין ווייב אויפן טעלעפאון, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "מיר איז אויך שווער איבערצולאזן די ווייב און קינדער".

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינער האט אים געזאגט אז די גבאי פון בית מדרש היכל הקודש פון זיין געגנט רעדט נישט קיין דיבורי התחזקות, ער זאגט נאר תורות מיט טריקענע שיחות, און דאס מאכט ער זאל

נישט ווילן קומען דאווענען אין בית מדרש היכל הקודש. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מ'גייט נישט דאווענען אין היכל הקודש צו הערן התחזקות, נישט יעדער קען רעדן התחזקות, מ'גייט ווייל 'דא וויל איך זיין', אז דו וועסט שוין גיין פאר דעם וועסטו שוין הערן התחזקות"...



**ביים שיעור אין היכל הקודש ירושלים ע"ש שמות**
**א תלמוד פון חדר איז מסיים א מסכתא**

מ'איז אנגעקומען קיין ירושלים, און מ'איז גלייך געגאנגען אין מקוה. נאכדעם איז מען געגאנגען דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים. נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור פאר אנשי שלומינו אין ארץ ישראל, מ'האט גערעדט וועגן כיבוד אב ואם און מאכן א קידוש השם (די שיעור קען מען הערן אויף קול ברסלב).

נאכן שיעור איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו משפחת בורשטיין געבן א מתנה צוליב דעם וואס זיי האבן אסאך ארויסגעהאלפן אין הפצה די לעצטע פאר יאר.

דער ראש ישיבה איז זיך געגאנגען אראפלייגן לכבוד שבת. נאכן זמן זענען צוויי תלמידים פון ארץ ישראל געקומען אפנעמען דער ראש ישיבה פון די דירה, און מ'איז געגאנגען אין בית המדרש.

די דאווענען איז געווען גאר דערהויבן, דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת, און נאך קבלת שבת האבן די תלמידים אהיים באגלייט דער ראש ישיבה פון בית המדרש.

נאכדעם האט מען זיך געגרייט צו מאכן די סעודה, מ'האט צוגעשטעלט די סעודה פאר אלע בחורים וואס גייען הפצה, מ'האט אנגעהויבן זינגען אשת חיל, דער ראש ישיבה האט זייער אסאך אויסגעטייטשט ווערטער פון אשת חיל אויף הפצה, און בשעת די גאנצע סעודה האט מען גערעדט פון הפצה, און דער ראש ישיבה האט די גאנצע צייט געבעטן מ'זאל דערציילן מעשיות פון הפצה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים אז דא אין ארץ ישראל דארף מען גיין גאר אסאך הפצה ביי די פרומע עולם, אפילו מ'מאכט מער געלט ביי די פרייע, דאך דארף מען גיין מער הפצה ביי די חסיד'ישע עולם.

די סעודה קען מען נישט אראפשרייבן אלעס וואס מ'האט גערעדט, פשוט ווייל די צייט און פאפיר ערלויבט נישט, אבער דאס קען איך זאגן, די פרישקייט וואס די תלמידי היכל הקודש אין ארץ ישראל האבן - איז ממש נישט צום באשרייבן, די הפצה ווי זיי גייען איז ממש אויסטערליש, א גאנצע סעודה האט מען גערעדט בעיקר פון הפצה, מ'האט פארציילט מעשיות פון הפצה, און אזוי ווייטער.

ביים בענטשן האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ווער ס'איז געגאנגען די מערסטע הפצה גייט קענען אויפהייבן די בעכער. נאכן צאמרעכענען האט מען געזען אז הבחור יודא'לע ברילל פון ירושלים איז געגאנגען די מערסטע הפצה, און ער האט אויפגעהויבן די בעכער.

נאכן סעודה איז דער ראש ישיבה געגאנגען מיט די בחורים צום באטע אין בית המדרש. גאר א גרויסע עולם איז זיך צאמגעקומען אין בית המדרש מיטצוהאלטן די באטע, דער ראש ישיבה האט גערעדט זייער שיין, (די שיעורים זענען שוין אפגעשריבן).

נאך די באטע איז דער ראש ישיבה צוריק צו זיין דירה, דארט האט דער ראש ישיבה געמאכט א באטע פאר די אמעריקאנע עולם וואס זענען מיטגעקומען, ס'איז דארט געווען די מנהל מו"ה אברהם משה הי"ו, מו"ה יעקב פיש הי"ו, הרב נתנאל פארקאש שליט"א איידעם פונעם ראש ישיבה שליט"א, מו"ה מרדכי היימליך הי"ו און איך.

דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעזעצט און געזאגט: "געב א קוק אויב ס'איז דא ביר, שבת ביינאכט טרינק איך ביר".

מ'האט געמאכט א שטיקל באטע, מ'האט אנגעהויבן שמועסן וועגן עצתו אמונה, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די ארץ ישראל'דיגע מענטשן מיינען אז עצתו אמונה איז געשריבן געווארן פאר אמעריקאנע אידן, און די אמעריקאנע מיינען אז ס'איז פאר ארץ ישראל'דיגע, און דו לייענסט עס און טראכטסט 'פאר וועם איז די בריוו, און פאר וועם איז די בריוו', כאפסט נישט אז עצתו אמונה איז געשריבן פאר דיך!"

דער ראש ישיבה האט דערציילט: "מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו איז צוגעגאנגען צו א אינגערמאן פון היכל הקודש געבן אן עצתו אמונה, האט ער געזאגט אז ער דארף עס נישט יעצט, האט אים ר' יואל געזאגט: 'דא אינעווייניג איז דא א בריוו געשריבן פאר דיר'. און דער אינגערמאן זאגט מיר אז ער איז געשטאנען און געזוכט וואו איז דער בריוו פאר אים, ביז ער האט זיך געכאפט אז אלע בריוו זענען טאקע פאר אים!..."

דער ראש ישיבה איז געגאנגען שלאפן זייער שפעט, מיט דעם אלעם איז דער ראש ישיבה אויפגעשטאנען גאר פרי. זיבן אזייגער איז דער ראש ישיבה שוין געגאנגען אין בית המדרש, דער ראש ישיבה האט אסאך געלערנט פארן דאווענען, און אויך גערעדט פריוואט מיט די גבאי פון בית המדרש היכל הקודש אין בראכפעלד.

דארט זענען געווען נאך בחורים וואס פארשטייען נישט קיין אידיש, און זיי האבן געבעטן דער ראש ישיבה אויב ער קען געבן א קליינע שיעור אין לשון הקודש, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער גייט זיי געבן א שיעור. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "זיי זענען ליכטיגע טייערע בחורים און זיי האבן גוטע כוחות, און אויב מ'ברענגט זיי אריין צום רבי'ן קומט גוטע צייטן"...

דער ראש ישיבה האט זיי זייער מחזק געווען, (די שיעור איז שוין אפגעשריבן).

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז ווען ער קומט צו ארץ ישראל ווערט ער אזוי איבערגענומען, אין אמעריקא איז דא אידן און ווען מ'גייט ארויס פון די אידישע געגנט איז אלעס גוים, ווידערום אין ארץ ישראל, וואו מ'גייט איז אלעס אידן וואס מ'האט זיי אפגע'שמד'ט רחמנא לצלן.

נאכדעם האט מען געדאווענט שחרית, מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו - גבאי בית המדרש היכל הקודש בני ברק איז צוגעגאנגען צו פסוקי דזמרה, שפעטער האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער איז גאר א שיינע בעל תפלה.

דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צו שחרית, און נאכדעם האט מען געגעבן עליות פאר די גבאים פון אלע שטעט, מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו, מגיד שיעור אין ישיבה קטנה היכל הקודש ירושלים איז צוגעגאנגען צו מוסף, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט נאכן דאווענען: "משה שמואל דאווענט מיט הארץ".

סיפורי מעשיות האט מען פארגעלערנט די מעשה פון די חיגר, (די שיעור איז אויך געווארן אראפגעשריבן).

דער ראש ישיבה האט אהיים שפאצירט פון בית המדרש נאכן דאווענען, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'זאל רופן נאך בחורים ווייל מ'האט באשטעלט זייער אסאך עסן און ער וויל נישט די עסן זאל גיין אין מיסט, מ'האט טאקע גערופן נאך בחורים.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מ'גייט גיין אין א רייע, יעדער בחור דארף זאגן א שיחה פון רבי'ן, אדער פון רבי נתן אדער פון מוהרא"ש.

אלע בחורים האבן געזאגט א שיחה, דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט דערפון. איין חתן

פון אמעריקע האט זיך אנגערופן: "יוסל פאראנטשיק האט 'געזען' דעם רבי'ן, דו 'קענסט' דעם רבי'ן", (דאס האט רבי נתן געזאגט פאר זיין תלמיד ר'בי נחמן טולטשינער, נאך וואס ער האט אים דערציילט אז ער האט געטראפן א איד יוסל פאראנטשיק, און ער זאגט אז ער האט געקענט דעם רבי'ן...), האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז זייער א שטארקע שיחה, ווייל היינט איז אויך דא מענטשן וואס זאגן אלץ פאר פרישע מקורבים: "איך האב נאך געקענט מוהרא"ש דעמאלטס און דעמאלטס"... און מענטשן ווערן צובראכן דערפון, אבער ס'איז נישט אמת, אויב דו לערנסט מוהרא"ש'ס ספרים און דו פאלגסט וואס דארט שטייט - ביסטו דער וואס קען מוהרא"ש, נישט יוסל פאראנטשיק...

דער ראש ישיבה האט זי' זייער שטארק מעורר געווען צו גיין הפצה, פארשפרייטן די שטויב פון צדיקים, דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט: "אין אמעריקע איז שוין באלד נישט דא וואו צו גיין הפצה, וויפיל מאל קען מען גיין אין וויליאמסבורג... וויפיל אידן וואוינען שוין דארט... אבער דא אין ארץ ישראל איז דאך דא אידן עד אין סוף".

ביים סוף סעודה איז ארויפגעקומען מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו, גבאי בית המדרש ירושלים, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז ער האט געהערט אז ער איז עוסק אין שידוכים, דער ראש ישיבה האט אים זייער מחזק געווען און געזאגט די גרויסקייט פון מאכן שידוכים.

נאכן סעודה האט דער ראש ישיבה זיך אראפגעלייגט ביז מ'איז געגאנגען צו מנחה.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה גערעדט פייערדיגע דיבורים וועגן די סדר דרך הלימוד, אז אויב מ'לערנט יעדן טאג משניות און גמרא קען מען זוכה זיין צו גאר שיינע זאכן (די שיעור איז שוין אויך אראפגעשריבן).

מוצאי שבת איז געקומען א לויער צו דער ראש ישיבה כדי ער זאל קענען ארויספארן פון ארץ ישראל. דער ראש ישיבה האט גערעדט א שעה צייט מיט אים. און נאכדעם איז מו"ה יצחק פאפנהיים הי"ו, גבאי בית המדרש ירושלים געקומען אפנעמען דער ראש ישיבה צום מלוה מלכה.

אויפן וועג האט דער ראש ישיבה אים אויסגעפרעגט וועגן די מוסדות אין ירושלים, דער ראש ישיבה האט זיך זייער אינטערעסירט אין אלע ענינים בנוגע די מוסדות.

מ'איז אנגעקומען צום מלוה מלכה, א ריזיגע עולם האט



מלוה מלכה מוצאי שבת שמות

אפגעווארט דער ראש ישיבה אין זאל, ס'איז געווען גאר שיין צוגעשטעלט, מו"ה אברהם בלטי הי"ו א באקאנטער קלערינעט שפילער אין ארץ ישראל איז געקומען שפילן ביים גרויסארטיגן מעמד, ס'איז געווען גאר שיין.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור, פארן שיעור האט די גאנצע עולם געקומען מאכן סיומים, ס'איז געווען גאר שיין (די שיעור קען מען הערן אויף קול ברסלב).

אויפן וועג אהיים פון מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די דרשה האט מיך אזוי אפגעשוואכט, ווייל אין אמעריקע קען איך שוין דער עולם, איך ווייס שוין וואס דער עולם וויל הערן, דא בין איך נאכנישט צוגעוואוינט צו די עולם".

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "וואס זאגסטו צו דער עולם דא אין ארץ ישראל, א גאנצע עולם פון הונדערטער אידן לעבן ממש אויף די שיעורים, זיי לעכצן צו הערן נאך א ווארט און נאך א ווארט"...

נאך מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה זיך אראפגעזעצט שרייבן בריוון, דער ראש ישיבה האט געשריבן פאר דריי פיר שעה, נאכדעם האט מען געגאנגען שלאפן.

זונטאג אינדערפרי איז מען געגאנגען אין בית המדרש, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וויל נישט פארן מיט די קאר, ער וויל שפאצירן אביסל. מ'האט זיך געשטעלט דאווענען אכט אזייגער, נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה געטאנצן "מצוה גדולה".

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א ברית פון א זון פון מו"ה אברהם ראטטמאן הי"ו, דא ווייס איך שוין נישט וואו אנצוהייבן... וויפיל טינט ס'זאל נאר זיין אין די וועלט קען מען נישט אראפשרייבן וואס דארט האט זיך אפגעטון, ר' אברעמעל האט זיך אויפגעשטעלט רעדן, ער האט גערעדט אזוי הארציג, ער האט דערציילט זיין גאנצע סיפור התקרבות, ס'איז נישט געווען קיין טריקן אויג אין בית המדרש, זיין טאטע האט געוויינט, אלע האבן מיטגעוויינט... (די שיעור קען מען הערן אויף קול ברסלב).

דער ראש ישיבה האט שפעטער געזאגט: "איך האב געמיינט ער גייט רעדן א מינוט צוויי, זאגן שכח ראש ישיבה... אבער איך בין געווארן אזוי איבערגענומען, איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט איינעם אזוי שיין רעדן!"

נאכדעם איז דער ראש ישיבה געגאנגען צום תלמיד תורה היכל הקודש ירושלים, דער ראש ישיבה איז געווען מורא'דיג פרייליך ווען ער האט אריין שפאצירט דארט.

ווען דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען האט מען געהאלטן אינמיטן בענטשן, און דער מלמד מו"ה אשר ראנד הי"ו האט מיטגעשפילט די בענטשן מיט א פלעסטיק פייפערל, דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט דערפון.

דער ראש ישיבה איז נאכדעם געגאנגען צו די יונגערע כיתות, דער ראש ישיבה האט זיי אויסגעפרעגט וואס מען לערנט, נאכדעם האט דער ראש ישיבה זיי געפרעגט ווער ס'האט א מעשה פון תפלה, און דער ראש ישיבה האט גאר שיין גערעדט צו זיי וועגן מוותר זיין.

שפעטער איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו די סקול אין ירושלים, נאכדעם האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור פאר די מלמדים און



ברית פון בן פון מו"ה אברהם רוטמאן הי"ו - א' וארא

מחנכים און זיי מחזק געווען זיי זאלן ווייטער אנגיין מיט זייער הייליגע ארבעט.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אויפגענומען אינגעלייט, ביז ס'איז שוין געווארן שפעט און מ'האט שוין געדארפט גיין צו מנחה.

נאך מנחה האט דער ראש ישיבה געגעבן א דף שיעור אין בית המדרש, און מ'האט זיך געזעגנט פון דער ראש ישיבה.

נאכדעם איז מען אריין אין קאר צו פארן צום עירפארט, אויפן וועג האט דער ראש ישיבה געשמועסט אז די בני ברק'ע אידן זענען זייער מקנא די ירושלים'ע אז דער ראש ישיבה קומט נאר צו זיי, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב יעצט געוואלט גיין קיין בני ברק אבער איך האב נישט וואו צו גיין, מ'האט יעצט פארשפארט די שול"...

אינמיטן וועג האט אברעמל געמאלדן די גוטע נייעס אז דער ראש ישיבה'ס פאספארט איז געטשעקט געווארן, און ער קען רואיג ארויסגיין פון ארץ ישראל, דער ראש ישיבה איז געווארן זייער פרייליך. גלייך נאכדעם איז אריינגעקומען די גוטע בשורה אז מ'האט יעצט באקומען א שטר פון בית דין אז מ'מעג נוצן די בית המדרש אין בני ברק אויף דערוויל. דער ראש ישיבה האט גלייך געזאגט פארן דרייווער אז ער זאל אים גלייך אהין טראגן.

דער ראש ישיבה האט זייער שיין גערעדט אין בני ברק, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די גבאי ר' אבא חייא איז א פייער'דיגע גבאי, ער איז זייער געטריי.

איינער האט געפרעגט דער ראש ישיבה פארוואס די הפצה אין בית שמש רוקט זיך נישט, ס'איז נאכנישט דא קיין בית המדרש. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב געזאגט פאר מו"ה שלמה טעסלער הי"ו א ווארט וועגן א דף שיעור אין בית שמש, גלייך האט ער זיך גענומען צו די ארבעט, און איך הער שוין צוריק אזויפיל גוטע גריסן דערפון, ער איז נישט קיין בטלן, ער גייט נאך עפענען א בית המדרש אין בית שמש"...

נאכדעם איז דער ראש ישיבה געפארן צום עירפארט, דער ראש ישיבה האט זיך געזעגנט פון די גבאים דארטן, און די גבאים זענען אהיים געפארן.

פארשטייט זיך דאס איז ממש אויפן שפיץ גאפל פון דער נסיעה, אזא נסיעה קען מען נישט מסביר זיין, אבער איך האף אז די ליינער וועלן אויך הנאה האבן דערפון, און ארויסנעמען חיזוק און עצות אויפן טאג טעגליכן לעבן.



**ביים שמועסן מיט אנשי שלומינו אין בני ברק**



**דער ראש ישיבה ביים שרייבן בריוון אויף די וועגעלעך אין לופטפעלד**

מפעל החסד
# ׳יעזורו׳
**שע״י מוסדות היכל הקודש ברסלב - בארה״ק**
בנשיאות **ראש הישיבה** שליט״א

עזרה לשבת וי״ט • עזר ליולדת • עזר נישואין • עזרה למשפחות נזקקות

בס"ד

ערב פסח תשפ"ג

# התודה והברכה

בשם אלע משפחות אנשי שלומינו אין ארץ ישראל ווילן מיר זיך באדאנקען פון טיפעניש פון הארץ

## פאר אונזערע טייערע חברים אנשי שלומינו

די בכל אתר ואתר וואס האבן זיך אנגערופן זייער ווארעם און ארויסגעהאלפן מיט זייער שיינע נדבות,
און א דאנק דעם האבן מיר מיטן אייבערשטנס הילף געקענט אויסטיילן א שיינע קמחא דפסחא

## פון נאנט צו 100,000 שקל

פאר משפחות אנשי שלומינו אין ארץ ישראל
וואס וועט זיכער פארגרינגערן פאר די משפחות אריינצוברענגען דעם יום טוב בהרחבה גדולה און יישוב הדעת

**בפרט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר אונזערע טייערע ידידים**

מוה"ר **אברהם טיקאלסקי** הי"ו
דשערסי סיטי

מוה"ר **אברהם שבתי מזרחי** הי"ו
קרית ברסלב

מוה"ר **יוחנן שור** הי"ו
ירושלים

וואס האבן מנדב געווען גרעסערע סכומים בעין יפה וברוח נדיבה

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע חשוב'ע נדבנים זאלן געבענטש ווערן מיט שפע ברכה והצלחה, נחת, אושר ועושר און הרחבת הדעת
און מיר אלע זאלן שוין זוכה זיין צו 'כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות' בביאת גוא"צ במהרה בימינו אמן.

מיט וואונטש
הנהלת מפעל החסד **יעזורו**

• ע"ר 580743920 • רחוב רבי נחמן מברסלב 15 ירושלים • 052-712-8416 • a4054040540@gmail.com •

# די באלי פליעט צוריק אראפ



ישראל דוד העסקל

**פסח** צייט איז די געשמאקסטע צייט פון יאר, די הכנות צום פסח זענען אזוי געשמאק, מען שפירט די ריינע לופט פון יום טוב וואס קומט אט אט אריין, און ווער רעדט נאך ווען די פסח אליין איז שוין דא, דעמאלט איז דאך שוין ממש א מחי', אזוי לעכטיג און געשמאק, ממש א חירות! וואס זאל איך דיר זאגן, פסח איז ממש א ברסלב'ער יום טוב!

אבער איין רגע, איך געב מיר אזא כאפ, דאס זאגט מען דאך אויף יעדע יום טוב. ראש השנה איז דאך פשוט אז ס'איז א ברסלב'ע יום טוב. יום כיפור א טאג פון התבודדות - רבי נתן האט דאך געזאגט אז זיין זאך איז יום כיפור - א טאג וואס יעדער איז ווערט ריין פון עבירות, יעדער טוט תשובה, די אמונה איז אזוי שטארק.

סוכות האט דאך מוהרא"ש געזאגט אז דאס איז זיין זאך - א מענטש זיצט אין רוחניות און איז מקיים די הייליגע מצוה, די לימוד פון מוהרא"ש - טרעף דעם אייבערשטן אין יעדע זאך אין יעדע מצב, אין יעדע מציאות קענסטו לעבן מיט'ן אייבערשטן און זיין אן אמת'ער ערליכער איד.

ווידער חנוכה איז דאך זיכער איין שטיק ברסלב! דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי איינע פון די חנוכה שיעורים אז ס'מוז זיין אז די חשמונאים זענען געווען ברסלב'ע! נאר מיט די לימוד פונעם רבי'ן קען זיך א איד אזוי מחי' זיין מיט א שפאלט פון א ישועה, זיי האבן נישט געטראכט וואס וועט זיין ווען די פך שמן וועט זיך אויסנוצן... ס'איז דאך נאר געווען גענוג אויף איין טאג... זיי זענען נישט געווארן צובראכן פון וואס גייט זיין מארגן... נאר זיך מחי' געווען מיט די נקודה טובה, און דער אייבערשטער האט שוין נאכדעם געמאכט ניסים! איז דאך חנוכה א 'עכטע עכטע' ברסלב'ער יום טוב!

יום טוב פורים איז דאך ווייטער א שטיק ברסלב! יעדער איז פריילעך, יעדער טאנצט, יעדער טוט תשובה, מ'בעט זיך איבער מ'האט זיך ליב... מ'פארשטעלט זיך - רבי נתן זאגט אז מ'פארשטעלט זיך ווי די אומות העולם צו ווייזן אז ווען משיח קומט וועלן אלע פעלקער קומען צום אייבערשטן. איז דאך פורים ווייטער א שטיק ברסלב...

און יעצט קומט פסח יעצט גייט מען ווייטער זאגן אה א ברסלב'ע יום טוב...

איז אזוי, קודם כל, יא! פסח איז ממש א ברסלב'ע יום טוב אבער נאך ווי... דער ראש ישיבה האט געזאגט לעצטנס ביי איינע פון די שיעורים אז יעדע תקופה,





יעדע פרשה און ביי יעדע מצב זאגט ער אז יעצט איז א גוטע צייט זיך צו נעמען אין די הענט... די וואך איז ממש מסוגל זיך מיטצוכאפן... יעצט אז מ'האט געלערנט פון דעם איז זיכער די בעסטע צייט אנהויבן צו טון... איז ווען איז טאקע די בעסטע צייט? וועלכע סדרה איז טאקע די ריכטיגע סדרה זיך צו נעמען?

נאר די תירוץ איז, אלע צייטן איז די בעסטע צייט! יעדע צייט איז די בעסטע צייט צו אנהויבן לערנען און דאווענען און זיך פירן ערליך, נאר מ'פרובירט אלץ צו ברענגען עפעס א פרישקייט עפעס א התחדשות, איז מען עס מלבש אין די פרשה צו די זמן ווי מען שטייט.

סליחות טעג קומט מיר איינער זאגן אז ער האט געמאכט א חשבון פונקטליך וויפיל סלייסעס געפילטע פיש ער גייט עסן דעם תשרי.... איך קוק אים אזוי אן, פארוואס גייסטו עסן אזוי סאך? איז ער מיר מסביר ווייל ס'גייט נישט זיין קיין שבת און יום טוב צוזאמען, במילא איז דא אסאך מער סעודות.... טראכט איך צו מיר, דער חכם עתיק יומין ווייסט שוין אין די סליחות טעג וויפיל סלייסעס געפילטע פיש ער גייט עסן....

אבער איך טראכט אין סליחות טעג וואס מען קען ארויסנעמען פון די ימים טובים פאר מיר. די זעלבע זאך פאר חנוכה טראכט איך וואס גייט מיך דער חנוכה געבן... און אזוי פאר יעדער יום טוב טראכט איך וואס קען איך ארויסקעשן פון דעם יום טוב, אדער יומא דפגרא. אזוי קומט טאקע אויס אז יעדער יום טוב איז א ברסלב'ע יום טוב!

אבער פסח איז שוין באמת א ברסלב'ע יום טוב, ווי דו ווילסט עס נאר אנכאפן שרייט עס ברסלב!

אפילו מען ליגט אין מ"ט שערי טומאה קען מען יעצט זוכה זיין צו ארויסגיין פון אאאאלע קליפות, פון דיין גאנצע עבר, און ווערן נאנט צום באשעפער - זוכה זיין מתן תורה, צו מן... דאס איז דאך דעם רבינ'ס לימוד וואס דער רבי' באקט אין אונז אריין, נישטא קיין יאוש א איד קען זיך מחי' זיין מיט א נקודה טובה און דורך דעם אינגאנצן ארויסקריכן פון זיין שלעכטס און ווערן אן אמת'ער צדיק!

פסח איז דאך די יום טוב פון חירות... די יום טוב פון זיין אינגאנצן פריי, און זיין נאר איבערגעגעבן צום אייבערשטן. און זיכער ביי אונז אין ברסלב, וואס דאס איז א קהילה פון אידן וואס עס גייט נישט אריבער קיין טאג אן לימוד התורה, ווער איז מער פריי פון אונז? ס'האט דאך אלע טעמים צו פראווען חירות אז מ'ווייסט אז מ'איז אן אמת'ער בן חורין אפילו נאך די סדר...



ביי אונז איז דאך איינגעפירט אז מ'דערציילט פסח ביינאכט די סיפור התקרבות - מיין אייגענע יציאת מצרים... יא אמאל האב איך געלעבט אין א שיעבוד יעדער אין זיין מצב, איינער וואס קומט פון א פלאץ וואו מען האט אים פארדרייט א קאפ מיט פאלשע לימודים... איינער וואס האט געדינט געלט... איינער וואס האט נישט געוואוסט ווי אזוי מ'איז מחנך קינדער... איינער וואס מ'האט אים נעבעך געלערנט פאלשע לימודים אז אויף א ווייב דארף מען געוועלטיגן און שרייען רחמנא לצלן. איינער וואס קומט פון א שיעבוד פון אלץ קוקן אויף א צווייטן, און יענעם באשולדיגן, אנשטאט קוקן אויף זיך אז איך בין גאר די פראבלעם.

אזוי ווי דער ראש ישיבה האט פארציילט אז עס איז געווען א אינגערמאן נאך די חתונה וואס האט געגעסן די סדר ביי זיין



שווער, און נישט מער און נישט ווייניגער ער טרעפט א ווייצל אין די ווין רחמנא לצלן. ער טראכט צו זיך וואס גייט פאר מיט מיין שווער. ער טראכט יא זאגן נישט זאגן. שוין - איך האב דאך יעצט חתונה געהאט - איך גיי גארנישט זאגן. אפאר מינוט נאכדעם סערווירט מען די פיש און די זעלבע זאך חזר'ט זיך איבער נאכאמאל, ער זעט א ווייצל אין די פיש, וואס גייט דא פאר?

ער קען זיך נישט איינהאלטן מער, ער ווייזט פאר זיין שווער וואס ער זעט דא. זיין שווער איז געווארן אויפגעשאדערט, ער האט אפגעמאכט אז ער גייט אריבער צום רב אין ירושלים פארציילן וואס דא איז געשען.

דער רב איז געווען א קלוגער רב, און ער רופט זיך אן פאר דעם אינגערמאן "זאג



מיר ווען האסטו חתונה געהאט? זאגט ער א חודש צוריק. זאגט דער רב "גיב מיר דיין שטריימל". ער נעמט די שטריימל און ווייזט אים אז די גאנצע שטריימל איז פיל מיט ווייצלעך פונעם באווארפן (דארט איז געווען די מנהג צו ווארפן אויפן חתן ווייצלעך) דו ביזט איין שטיק חמץ. קוקסט אויף דיין שווער כאילו ער איז די פראבלעם, דו ביזט די פראבלעם.

אזוי יעדער מיט זיין פעקל מיט זיין שיעבוד פון וואו ער קומט, האט זוכה געווען מיט גרויס רחמנות פונעם אייבערשטן מקורב צו ווערן צו א צדיק, אויסגלייזט צו ווערן פון אונטערדרוקעניש, און קענען לעבן א לעכטיגע פרייע לעבן.... ווער איז א גרעסערע בן חורין פון דעם? א שטיק ברסלב!

ווייטער איז פסח די יום טוב פון מסורה, די יום טוב וואס מ'פראוועט און מ'געבט עס ווייטער איבער פאר די נעקסטע דור, מ'פרייט זיך מיט 'שלא עשנו גוי', אונז האבן זוכה געווען צו זיין דעם עם הנבחר, מיר גייען ווייטער דינען דעם אייבערשטן אן קיין קשיות אן פארשטיין, אזוי ווי אונזערע עלטערן! ווער לערנט מיך דאס? וואו נעמט א מענטש די שטארקייט צו קענען ווייטער ציען די מסורה פון אונזערע עלטערן? נאר מיט א צדיק!

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז מענטשן וואס זוכן צו בארעדן דעם הייליגן ווינקעלע היכל הקודש קומען אלץ שרייען אז אויב מ'קומט אהער גייט מען חלילה אוועק פון אונזערע מסורה! חלילה! פונקט פארקערט! דא איז אונז דער רבי מחזק זיך צו האלטן מיט אונזערע הייליגע מסורה!

פסח איז א יום טוב פון אמונה די יום טוב וואס מיר שרייען אויס מיר האבן נאר איין גאט! אחד אלוקינו שבשמים ובארץ! ווער נאך לערנט אונז אמונה אזוי דער רבי? ברסלב איז דאך איין שטיק אמונה, און דאס חזר'ט מען נאכאמאל און נאכאמאל.

דער רבי האט אמאל אנגעכאפט די מצות אין די האנט און געזאגט: "ווען מ'האלט די מצה אין דער האנט, האלט מען גאט אין דער האנט". מ'עסט אמונה מ'לעבט אמונה!

איינער האט מיר לעצטנס געזאגט אז ער האט אמאל געהערט ווי איינער פרעגט א גרויסער מגיד בדורינו וואס איז באקאנט מיט זיינע דרשות פון אמונה - וואס איז די קונץ פון זיין א מגיד? איר האט א ריזיגן ספרים שאנק אינדערהיים פיל מיט אלע סארט ספרים פון אמונה און פאר יעדן דרשה קוקט איר אין א ספר און איר האט א גרייטע דרשה...

האט ער אים געענטפערט: "איר האט א טעות, איך האב נישט קיין ספרים שאנק מיט ספרים פון אמונה וואס איך עפן יעדעס מאל איך דארף געבן א דרשה... נאר איך האב איין קליין ספר'ל וואס הייסט 'ליקוטי מוהר"ן', און פון יעדע שורה פון דעם ספר מאך איך א גאנצע דרשה אין אמונה!!!"

קומט אויס אז פסח איז טאקע א ברסלב'ע יום טוב... איך באקום דא אזויפיל שכל וויאזוי צו לעבן א חירות'דיגע לעבן. זאל איך נאר באקומען דעם זיסן דרך הלימוד דיינו. זאל איך נאר באקומען עצתו אמונה דיינו. זאל איך נאר באקומען די זיסע לעכטיגע שיעורים דיינו. און אזוי ווייטער. א חבר האט מיר געזאגט א מורא'דיגע



שטיקל און איך האב געטראכט אז דאס איז פונקט גוט פאר א פסח ארטיקל און איך האף בס"ד אז איר וועט אויך הנאה האבן פון דעם...

ער זאגט מיר אזוי: האסט אמאל געזען ווי איינער שטויסט א באל? דער באל פליט הויך ארויף און ס'גייט נישט דורך אפאר סעקונדעס און ס'קומט גראד אראפ צופליען... קומט איינער און זאגט געב אהער דעם באל איך וועל דיר ווייזן וואס מיינט שטויסן א באל... ער געבט אזא מין שטויס מיט כח אזש די באל ווערט כמעט צולעכערט און ס'פליט ארויף הויך הויך, אבער ביז איינצעלע סעקונדעס קומט עס ווידער אראפצופליען...

וואס איז פשט?

דער אייבערשטער האט באשאפן אויף די וועלט א כח המשכה א כח וואס ציט גרעוויט"י בלע"ז יעדער חפץ וואס איר זאלט נאר פרובירן ארויפצווארפן גייט צום סוף אראפ פאלן נישט קיין חילוק ווי שטארק דו זאלסט עס נאר נישטווארפן... נישט קיין חילוק ווי הויך אדער ווי ווייט עפעס גייט צום סוף ציט עס צוריק צו דעם פלאץ אויטאמאטיש.

זאגט דער הייליגער רבי אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ע' אז די זעלבע איז ביי א צדיק! נישט קיין חילוק ווי ווייט א מענטש איז אוועקגעפלויגן פון די גלייכע וועג ער פליט ווייט אוועק פון די תורה פון די צדיקים, אבער דער צדיק האט אין זיך די כח פון גרעוויטי, צום סוף קומט דער מענטש צוריק צו פליען צום צדיק!

אוי דעם יום טוב גיימיר זיך נאכאמאל צוזינגען מיטן בעל תפילה אוי ונתרחקנו מעל אדמתנו מיר פליען ווייט ווייט יעדער אין זיין גלות אין זיין פעקל פארווארפן און פארוואגלט... אבער פונקט ווי דעם באל וואס פליעט הויך און ווייט קומט צום סוף אראפצושמייסן, די זעלבע איז מיט אונז מיר זענען ווייט און פארפלאנטערט אבער די כח ההמשכה שלעפט אונז צום סוף גראד צוריק צום צדיק און צו אונזערע הייליג לאנד.


מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין
היטיבה ה' לטובים ולישרים בלבותם
פרנס החודש
מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו
מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו
מו"ה יוסף ברילל הי"ו
וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש
חודש ניסן
די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבי'ס מוסדות זאל אייך בייסטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא
פרנסי השנה
מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו
מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר
גאנץ זומער, אין די טווין ברידזש געגענט,
נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

---

PLUMBING SERVICE
For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**

---

LOUNGE
computer + comfort

**BROWSE** AND **RELAX.**
INDULGE,
WITH OUR
**DRINKS** AND **SNACKS.**

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681

---

*Elevate any occasion*
with our
**stunning floral arrangements.**



Corporate accounts *are welcome*

- Wedding
- Shabbos Kallah
- Tenoyim
- Weekly Subscription

**845.325.2147**
Sales.Bloomsflorist@gmail.com

**Blooms**
a unique florist

---

## השבת אבידה שטיבל

אלע פארלוירענע חפצים קען מען טרעפן אין
השבת אבידה שטיבל.

אזוי אויך אויב טרעפט איר א חפץ, ביטע ברענגט
עם אריבער און זייט מקיים מצות השבת אבידה

די נומבער אריינצורופן איז
845-243-0604

---

Catskills expediting
For all your property submittals, approvals, permits, assistance, legal and practical, Is the New York Catskills.
Feel free to contact the professional Catskills Expediting team

917-379-5063
catskillsexpediting@gmail.com
Relax! We do the max

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בידנבוים – 347-549-5625
גרעסערע דירה – 845-637-5367

## עסן פאר קימעפטארינס

פאר ווארימע גריז רופט משפחת בוים
347-786-1767
פאר פרישטאג רופט משפחת טייטלבוים
845-376-0380
פאר נאכטמאל רופט משפחת מענדלאוויטש
845-238-6393





בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

**Linen Boutique**
Linen • Towels • Tablecloths

**Full line of fine quality Linen, Towels and Tablecloths**

**Our satisfied customers** is our brand

**Gift certificates** are welcome!

Please contact **Breindy Tyrnauer**
**347-228-2931**
75 Twin Bridge Rd. • Liberty NY 12754

# אינטערוויו אפטיילונג

ל.לעוו

## אינהאלטסרייכע שמועס מיט די ערשטע
# תלמידות בית פיגא

**"אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון"** (שיחות הר"ן ר"ט)

**ווער** קען די מעשה פון יציאת מצרים? - מיר רעדן דא נישט פון יציאת מצרים פון 3335 יאר צוריק, נאר פון יציאת מצרים פון 11 יאר צוריק, ווען אפאר משפחות - ממש געציילטע, האבן גענומען זייערע טעכטער און אריבערגעפירט אין א נייע שולע.

א שולע מיינען מיר צו זאגן ווען די גאנצע שולע איז באשטאנען פון 18 מיידלעך. כבוד האבן זיי נישט באקומען, אויך נישט קיין שעצונג בליק אדער גאר א שמייכל, יעדער האט זיי אנגעקוקט ווי איבערגעטריבענע מענשטן וואס טראכטן נישט פארן טון, אבער די פאר משפחות האבן זיך נישט דערשראקן און אריינגעטאנצן אין וואסער ווי נחשון בן עמינדב אליין, און געשפאלטן דעם ים, געשפאלטן די זאך פון לעבן פאר א צווייטן, און אלע מיט א קלארע לויטערע אמונת חכמים, אן פארשטיין און אן וועלן פארשטיין, נאר ווייל א צדיק זאגט אז דאס איז יעצט ריכטיג צו טון, און אז די קינדער זאלן באקומען פון יונגווייז אן די לימודים וואס מען לערנט דא אין היכל הקודש.

זיי זענען ארויס פון גלות מצרים - פון די פינסטערניש פון קוקן וואס א צווייטער זאגט אויף מיר.

•••

11 יאר איז אריבער פון ווען בית פיגא האט געעפנט אירע טויערן, וואס דעמאלט האט עס אויסגעקוקט ווי פענסטערלעך, אדער מערסטנס טירעלעך...

מיר ברענגען דא אראפ א שמועס וואס מיר האבן געהאט מיט אפאר פון די ערשטע תלמידות פון בית פיגא זינט איר גרינדונג.

לאמיר אריבערגיין הערן פון די ערשטע תלמידות אביסל וויאזוי די סקול האט זיך געגרינדעט:

**ווי אלט זענט איר געווען ווען בית פיגא האט צום ערשט געעפענט אירע טויערן?**

מרת ל. שניצלער (איינהארן):
איך בין געווען אין דריטע קלאס, עס מיינט צו זאגן ארום 8 יאר.



בית פיגא וויליאמסבורג ביים גרינדונג

**כבוד האבן זיי נישט באקומען, אויך נישט קיין שעצונג בליק אדער גאר א שמייכל, יעדער האט זיי אנגעקוקט ווי איבערגעטריבענע מענשטן וואס טראכטן נישט פארן טון**

# אינטערוויו אפטיילונג

> **ווען איך פלעג זיך שפילן אין גאס פלעגן פרעמדע מיידלעך וואס איך קען אפילו נישט צוקומען צו מיר אין גאס, און מיר פרעגן: "וויפיל מיידלעך איז דא אין דיין קלאס?"**

**מרת מ. וועבערמאן** (שניצלער):
איך בין אריין אין סקול ביי די 12 יאר אלט, זעקסטע קלאס.

**מרת א. וועבערמאן** (צווייבל):
איך בין געווען בערך 7 יאר, עס קומט אויס די ערשטע קלאס.

**א. שארף:**
איך בין געווארן 3 יאר.

**ג. אפפעל:**
3 און א האלב יאר.

## ווי אזוי איז צוגאנגען דאס אריבערגיין פון די פריערדיגע מוסד אריין אין א נייע נארוואס געעפנטע סקול?

**א. שארף:**
עס איז געווען ווען מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט געזאגט פאר דער ראש ישיבה שליט"א צו אויפמאכן א סקול, נאך וואס אפאר מיידלעך האבן נישט געהאט א סקול.

מיין זיידע הרב רבי יצחק לעזער שליט"א, האט אנגערופן מיין טאטע און אים געזאגט: "מיין שנור (מרת לעזער תחי') מאכט אויף א סקול, אפשר שיקסטו אריין דיינע קינדער פאר א וואך, ביז עס וועט צוקומען נאך מיידלעך". פארשטייט זיך אז מיין טאטע האט מסכים געווען.



בית פיגא וויליאמסבורג אין די ערשטע טעג



בית פיגא וויליאמסבורג די ערשטע יאר

מיין שוועסטער האט געלאזט אירע זאכן אין איר אלטע סקול ווייל מיר זענען געווען זיכער אז ביז א וואך קומען מיר צוריק, די טיטשער פון מיין שוועסטער האט געמיינט אז זי פילט נישט גוט, קיינער האט נישט געוואוסט אז מיר גייען אריבער צו א צווייטע סקול, למעשה די וואך האט זיך פארצויגן ביזן היינטיגן טאג, מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז דא זענען מיר געבליבן.

אין אנפאנג איז געווען אביסל שווער, ווייל מיר האבן קוים געקענט אידיש און דא אין סקול רעדט מען האר אידיש, אבער מיר האבן זיך צוגעוואוינט און זיך אויסגעלערנט צו רעדן אידיש.

**ג. אפפעל:**
איך געדענק ווי איך בין אהיימגעקומען איין טאג פון סקול און מיין מאמע איז געזעצן אויפן קאוטש, און זי האט זיך אנגערופן צו מיר: "גיטי, מארגן גייסטו צו א אנדערע סקול, א נייע סקול".

## וואס האבן די ארומיגע שכנים און פריינט געזאגט אויף דאס אריבערגיין צו א נייע סקול?

**מרת ל. שניצלער** (איינהארן): ווען איך פלעג זיך שפילן אין גאס אדער גיין איינקויפן פלעגן פרעמדע מיידלעך וואס איך קען אפילו נישט צוקומען צו מיר אין גאס, און מיר פרעגן: "וויפיל מיידלעך איז דא אין דיין קלאס?" איך פלעג נישט וויסן וואס צו ענטפערן, ביז ווען איין מיידל האט געזאגט אז ווען מען פרעגט איר וויפיל מיידלעך ס'איז דא אין איר קלאס ענטפערט זי "איינס מיט א האלב, איך מיט נאך א האלבע מיידל..." האב איך עס אנגעהויבן נאכצומאכן און זייט דעמאלט האט מען מיר שוין נישט געפרעגט.

# אינטערוויו אפטיילונג

**מרת מ. וועבערמאן (שניצלער):**
מ'פלעגט אונז אלץ אויספרעגן קשיות, וויפיל מיידלעך לערנען דארטן, וויפיל קלאסן זענען דא, און אזוי ווייטער אבער מיר האבן געוויסט אז מיר זענען אין א גוטע פלאץ איז עס נישט צו סאך אנגעגאנגען.

## קענט איר פארציילן עפעס אינטערעסאנט פון די ערשטע יארן אין סקול?

**ג. אפפעל:**
איך געדענק ווי די סקול איז געווען אין א קליין דירה, אונזער קלאס איז געווען אין די קאך, מיין שוועסטער'ס קלאס איז געווען אין די שלאף שטוב, און נאך א קלאס אין די קלאזעט, דעמאלט האבן מיר אפשר געשפירט צוקוועטשט אבער היינט ווייסן מיר שוין אז צוקוועטשט איז מען אין מח, אויב מען רעדט נישט צום אייבערשטן, אויב מען האט נישט קיין אמונה, מען ווייסט נישט און מען שפירט נישט דעם אייבערשטן קען מען זיין אין א ריזיגע סקול מיט אלע גוטע זאכן אבער מען איז צוקוועטשט. אבער אז מען ווייסט אז דער אייבערשטער איז איבעראל און מען קען רעדן צו אים און אים אלעס בעטן איז מען קיינמאל צוקוועטשט.

**מרת מ. וועבערמאן (שניצלער):**
אסאך מאל ביי ריסעס פלעגן מיר גיין אין פארק זיך שפילן, און מען האט געקענט שפירן אין די לופט די פריילעכקייט און צופרידנהייט פון די מיידלעך, ווי יעדער האט געשפילט צוזאמען נישט קיין חילוק גרויס אדער קליין. אויך געדענק איך אז ערב פסח פלעגן אלע מיידלעך ברענגען שמאטעס מיט זייף, ס'האט זיך געטון, מ'האט פסח'דיג געמאכט די טישן און בענקלעך, ווען בשעת מעשה זינגען מיר ניגונים פון אמונה און מען בעט צוזאמען דעם אייבערשטן אז עס זאל זיין א פרייליכע יו"ט, ס'האט געהאט אלע טעמים, נאך היינט ווען איך מאך פסח'דיג ביי מיר אינדערהיים דערמאן איך זיך פון יענע גוטע צייטן.

**מרת א. וועבערמאן (ב. צוויבל):**
מיין עלטערע שוועסטער מרת אינדארסקי איז געווען א כלה, און זי איז געקומען זיין מיין טיטשער.

איך געדענק אז ס'האט פאסירט אפאר מאל אז די גאנצע סקול איז געווארן פארפלייצט מיט וואסער, בערך א אינטש הויך, מען האט געדארפט ברענגען א פלאמבער, און די טיטשער'ס מיט די מנהלת מרת לעזער תחי' האבן געהאט אסאך געדולד און נישט געווארן פארלוירן.

אויך איז יעדע ראש חודש געווען א 'ראש חודש פראגראם' מען האט געמאכט א געים, יעדער האט געוואלט זיין פון די אויסגעקליבענע ראש חודש מיידלעך, וואס זיי האבן אנגעגרייט די געים צו שפילן.

מיין שוועסטער - מרת שטיינבערג איז געווען א טיטשער אין נורסערי קלאס, און איך פלעג איר גיין העלפן מאכן די פרשה ביכלעך.

**א. שארף:**
איך געדענק אז אונז האבן איינמאל געמאכט זייער א אינטערעסאנטע זאך, יעדע פאר מיידלעך זענען געווען עפעס אן אנדערע זאך, איך מיט נאך אפאר מיידלעך זענען געווען קלינער'ס, אונז האבן געבויעט א גארביטש פון שמאטעס און אנגעפילט די גארביטש מיט נאש, און ס'איז געווען אלעס אזוי געשמאק און פריילעך.

**מרת ל. שניצלער (איינהארן):**
אויף צו אנגרייטן לאנטש פלעגן זיך די מאמע'ס איינטיילן, אויב איך האב נישט קיין טעות איז דאס געווען די סדר:

מאנטאג - האט מרת אפפעל אנגעגרייט טונא.

דינסטאג - האט מרת שטראסער אנגעגרייט לאקשן.

מיטוואך - האט מרת רוטה אנגעגרייט זופ.



ביים לייגן א מזוזה אין שטעטל בית פיגא סקול תש"פ

**די גאנצע סקול איז געווארן פארפלייצט מיט וואסער, בערך א אינטש הויך, מען האט געדארפט ברענגען א פלאמבער, און די טיטשער'ס מיט די מנהלת מרת לעזער תחי' האבן געהאט אסאך געדולד**

דאנערשטאג - האט מרת שניצלער אנגעגרייט פרענטש פרייז.

איינמאל זענען מיר ארויסגעקראכן פון פענסטער און געווארן איינגעשפארט אין די געיט וואס נעמט ארום די פענסטער, מיר האבן נישט געקענט צוריק ארייננקומען, די טיטשער איז אריינגעקומען אין א ליידיגע קלאס און געווארט ביז מען האט אונז ארויסגענומען פון דארט.

נאך א זאך וואס איך געדענק ווי אונז פלעגן לערנען אזוי געשמאק ספר המידות, מיט א ניגון, און אין זכות דעם קען איך עס טאקע ביז היינט.

**האט איר דעמאלט געקענט זען בית פיגא אלס די מעכטיגע אמונה פאבריק וואו עס האלט היינט, און איז שוין דא אין פיר שטעט אין אמעריקע און ארץ ישראל?**

**עס זענען דא מיידלעך וואס טראכטן אז די "עכטע" בית פיגא תלמידות זענען נאר די וואס האבן געלערנט די ערשטע יארן און היינט איז מען שוין נישט די עכטע,**

### מרת ל. שניצלער (איינהארן):

ניין, איך האב נישט גע'חלומ'ט. דעמאלט ווען די סקול האט זיך געעפנט האט אויסגעזען ווי עס וועט אלעמאל בלייבן קליין און נאר די פאר משפחות אין היכל הקודש פון וויליאמסבורג און בארא פארק וועלן שיקן די קינדער דא, מיר האבן נישט געקענט טראכטן אז פון די קליינע מוסד וועט היינט שוין זיין חתונה געהאטע ווייבלעך מיט הערליכע היימישע שטובער ווי די פרויען גייען אלע אפגעשוירן און



בית פיגא
ירושלים
די ערשטע
טאג




בית פיגא
וויליאמסבורג

זענען שטאלץ מיט זייער צניעות און זוכן נישט וואו מען קען אוועקגיין פון די וועגן פון אונזערע עלטערן נאר פונקט פארקערט.

### מרת מ. וועבערמאן (שניצלער):

איך האב געמיינט עס וועט בלייבן די זעלבע 18 מיידלעך, מיר האבן זיך נישט געקענט אויסטראכטן אז עס וועט איין טאג זיין א שטעטל וואו אסאך תלמידות בית פיגא וועלן וואוינען און לעבן א זיסע לעבן מיט די עצות פון די הייליגע רבי ווי דער ראש ישיבה געבט אונז עס איבער וואס ווייזט אונז אז נישט קיין חילוק וויאזוי מיר זעען אויס אדער פון וועלכע משפחה מיר קומען, קענען מיר אויך זיין נאנט און לעבן מיט'ן אייבערשטן, און אז מען לעבט מיט'ן אייבערשטן ווייסט מען שוין אז מען דארף זיך נישט געפעלן פאר די שכנים און גוטע פריינט, און נאר טון זאכן ווייל 'וואס גייט די שכינה זאגן אדער יענע פרענד זאגן', נאר מען ווייסט אז מען דארף זיך נאר געפעלן פאר'ן אייבערשטן און טון נאר וואס ער זאגט אז עס איז ריכטיג צו טון. און אויב ווייסט מען נישט וואס צו טון מען איז אין א דילעמא האט מען מיט וועם עס צו דורכשמועסן, מען קען גיין אין א זייט - אדער בשעת'ן טון די הויז ווירטשאפט - און רעדן צום אייבערשטן און זיך אויסגיסן דאס הארץ מיט אלע ווייטאגן אדער צומישעניש. און דער אייבערשטער העלפט!

### א. שארף:

איך האב געמיינט אז עס גייט בלייבן די פיצי קאוזי סקול, איך בין קיינמאל נישט געווען אין א אנדערע סקול, איך האב אזוי ליב געהאט די קליינע סקול, אבער שכח אייבערשטער אז עס האט זיך אזוי שיין צו וואקסן.

### ג. אפפעל:

איך האב נישט געטראכט אז עס גייט גרויס ווערן, און אפילו אויב יא האב איך נישט געקענט טראכטן אז עס גייט זיך עפענען נאך דריי סקול'ס - אויסער

די וויליאמסבורג'ע סקול, אין שטעטל, אין קרית יואל, און אין ירושלים.

## דו האסט עפעס וואס דו האסט געוואלט זאגן פאר די ליינער?

**מרת א. וועבערמאן (ב. צוויבל):**
איך וויל איבערגעבן פאר אלע בית פיגא תלמידות אז עס לוינט זיך יעדע מינוט אין קלאס, יעדע שיחה, יעדע ווארט וואס מען הערט אין סקול קען צוניץ קומען אין לעבן.

**מרת מ. וועבערמאן (שניצלער):**
איך בעט אלע בית פיגא תלמידות, הערט זיך צו וואס אייער טיטשער זאגט, עטץ וועטס אזויפיל פארדינען פון דעם, עס איז די בעסטע סקול.

**ג. אפפעל:**
ש'כח אייבערשטער פאר די גן עדן סקול.

**מרת ל. שניצלער (איינהארן):**
עס זענען דא מיידלעך וואס טראכטן אז די "עכטע" בית פיגא תלמידות זענען נאר די וואס האבן געלערנט די ערשטע יארן און היינט איז מען שוין נישט די עכטע, מען טראכט: 'א שאד איך בין נישט געווען דארט...' אבער ווער איז טאקע א עכטע תלמידה? נאר די וואס פאלגט וואס מען לערנט אין סקול, זי זאגט תהילים, זי איז מכבד איר טאטע מאמע, האט ליב צניעות, אידישקייט איז פאר איר א שיינע זאך - זי איז א עכטע תלמידה.

**א. שאוף:**
שכח אייבערשטער פאר בית פיגא, די שולע וואס האט מיר געלערנט א - ב פארן לעבן.

# א לעבעדיגע גריס פון נחשון בן עמינדב

### א מאמע וואס האט אלעס אוועקגעלייגט אין א זייט צו געבן פאר אירע קינדער צו טועם זיין פון די אונגארישע וויין.

### מרת שניצלער טיילט מיט די תקופה פון ווען "בית פיגא" האט געעפנט אירע טויערן, ביזן היינטיגן טאג.

איך האב ארויסגענומען מיינע קינדער פון א געהעריגע געסעטעלטע מוסד, מיינע קינדער זענען געווען זייער געלונגען און באקוועם אין יענע מוסד, און איך האב זיי אריינגעלייגט אין 'בית פיגא'. וויפיל טרערן איך האב דעמאלט פארגאסן ווייסט נאר דער אייבערשטער, אבער איך האב עס געטון מיט א זיכערקייט, ווייל איך האב געוואוסט אז איך גיי נאך א צדיק, איך גיי נאך אן ערליכער איד וואס ער גייט פון פאראויס און איך גיי נאך אים.

איך געדענק אז איין טאג בין איך געגאנגען אין גאס און איך האב באגעגנט די מנהלת פון די פריערדיגע מוסד, זי האט מיך אנגעהויבן אויספרעגן וואס טוט'ס זיך אין בית פיגא, וואס מען לערנט, און צו ס'איז אפילו א נארמאלע סקול. איך געדענק דעמאלטס האב איך אנגעהויבן טראכטן: 'אפשר בין איך טאקע נישט נארמאל, אפשר האב איך געטון א טעות,' אבער איך בין אהיימגעגאנגען און געמאכט א חשבון: 'איך' האב עס דאך נישט געטון פאר כבוד, אויך נישט פאר געלט, און נישט פאר גארנישט, נישט ווייל איך זע אז עפעס גייט ארויסקומען, נאר ווייל איך בין בלינד, איך ווייס גארנישט, איך לעב מיט א צדיק און איך וויל קינדער וואס לעבן מיט א צדיק,' און יעצט קוק איך צוריק און איך זעה וואס איז געווארן דערפון, און איך האב נישט קיין חרטה.

איך דאנק דעם אייבערשטן וואס האט מיר אוועקגענומען די שכל, ווייל מיט מיין אייגענע שכל וואלט עס נישט פאסירט, עס איז געשען נאר ווייגן מיין אמונת חכמים, כ'האב געגלייבט אין א צדיק.

מען זעט אז מענטשן ווייסן נישט ווי אזוי זיך א עצה צו געבן מיט קינדער וואס פאלן אוועק, זיי ווייסן נישט אז אויב די קינדער וועלן האבן א צדיק, וועלן זיי זיך האלטן.

איך פלעג זאגן פאר מיין מאן אז איך גיי מער נישט צו שמחות, איך האב נישט כח, איך קען נישט געבן א גאנצע לאנגע אינטערוויו פאר יעדער מענטש פונקטליך פארוואס איך האב געטוישט מוסד פאר מיינע קינדער, ס'איז מיר געווען זייער שווער, אבער שפעטער האב איך געטראפן א צוקנייטשע תפילה ליסט פון מיין ניין יעריגע טאכטער ווי זי בעט דער אייבערשטער פאר א ערליכער מאן וואס קוקט אויס גוט אבער גייט אנגעטון ערליך... בין איך געווארן אזוי מחוזק, די חינוך האב איך געוואלט, איך וויל קינדער וואס לעבן נישט פאר פרענד'ס און פאר די גאס, איך וויל טעכטער וואס לעבן פארן אייבערשטן, וואס האבן אמונה, און אפילו מען וויל אוועקנעמען פון זיי די אמונה קען מען נישט ווייל עס ליגט און זייערע אדערן, און אויב מען ווערט אויפשניידן די אדערן וועט מען זיי אויך נישט קענען ארויסנעמען'די אמונה, ווייל עס איז זייער בלוט, זייער לעבן.



בית פיגא ווילאמסבורג

מ. פאפנהיים

# ובזכותן עתידין להיגאל

אוי! ס'איז אזוי הייס!

איך בין געשטאנען אויפן שפיץ לייטער און אראפגעריסן די געצייטיגטע עפל, די זון האט געבראטן, די שווייס האט זיך געגאסן, און אין מויל איז מיר געווען טרוקן.

אבער ווער וואגט זיך בכלל צו טראכטן פון א גלאז וואסער? ווער חלומ'ט פון כאפן דעם אטעם אביסל? די קויש אויף מיינע לענדן האט אראפגעוואויגן מיט שווועריקייט, אה, די בוים איז שוין ליידיג, איך וועל אפליידיגן די פולע קויש, און אריבערגיין רייסן ביי די קומענדיגע בוים.

"שנעלער! שנעלער! שמוציגע שקלאפן!" א געשריי האט אויפגעטרייסלט די לופט, שנעל בין איך ארויפגעקראכן אויפן לייטער, און זיך געטראפן קעגן איבער ברוריה, זי האט מיר אויפגענומען מיט א ווארעמען שמייכל.

"ווי אזוי קען זי בכלל שמייכלען?" האב איך געטראכט פארביטערט אראפרייסנדיג איין עפל נאך די אנדערע.

ווען דער אויפזעהער האט זיך דערווייטערט פון אונז, האט זי אויפגעהויבן איר ווארעמע בליק צו מיר, און שטיל געשעפשעט: "וואס מאכסטו אביגיל? ווי אזוי גייט עס?"

<<<<<

מיינע אויגן האבן זיך אנגעפילט מיט טרערן "ווי אזוי גייט עס? ביטער, איך האלט מער נישט אויס!"

"עפעס שרעקליך איז געשען?" האט זי צוריקגעפרעגט מיט מיטלייד.

"נישט ממש, נאר פון ווען... פון ווען איך האב געדארפט איבערלאזן מיינע נייע געבוירענע קינדער אויפן פעלד..." יעצט זענען שוין די טרערן פריי געפלאסן. "איך האב אזוי געווארט צו האלטן א פיצל'ס אין האנט... ענדליך האב איך זוכה געווען צו מיין ערשטן זעקסלינג... אזעלכע ליכטיגע קינדער... איינס ביי איינס... דריי אינגעלעך און דריי מיידעלעך... מיינע הענט ברענט פון ליבשאפט און בענקשאפט, כאטש נאך איין מאל זיי האלטן, זיי גלעטן... איך האב זיי געמוזט איבערלאזן... עס לאזט מיר נישט מנוחה..."

ברוריה'ס אויגן זענען פייכט געווארן, "באמת זייער שווער, אבער דו האסט נאך א טרייסט, נעכטן האב איך געזען ווי ביי מיין שכנה זענען אהיימגעקומען זעקס קינדער, געזונט און פריש, זיי דערקענען די עלטערן, די גאנצע משפחה... זיי דערציילן אז זיי האבן געגעסן מילעך און האניג פון די שטיינער..."



"וואס???" א עפל איז מיר שיעור ארויסגעפאלן פון האנט, "דו ווילסט מיר זאגן אז איך האב נאך א האפענונג צו זען מיינע קינדער???"

זי האט צוגעשאקלט מיט קאפ, "ווער ווייסט? לאמיר בעטן דעם באשעפער זאל באשיצן אונזערע קינדער". אויף א מינוט איז איר פנים פארוואלקנט געווארן, "מיינע פיצלעך האבן די פאליציי נעכטן ארויסגעכאפט פון הויז..." זי איז שטיל געווארן.

א סקרוק איז מיר אריבער אין די ביינער, "און זיי האבן זיי אריינגעווארפן אין טייך?"

"היי!" א קוויטש האט איבערגעריסן מיין שטילער קול, "היי! דו דארט, נידריגע שקלאפן! שנעלער! נישטא קיין צייט!"

אונזערע הענט האבן מעכאניש אנגעהויבן רייסן שנעלער, שנעלער, אבער א פרישע האפענונג האט אריינגעבלאזן אין מיינע אויסגעמוטשעטע ביינער, ווער ווייסט? אפשר וועל איך נאך אמאל טרעפן מיינע קינדער???

דער לאנגער ארבעט'ס טאג איז ענדליך געקומען צו א ענדע, מיר האבן זיך צאמגעשטעלט גרופעס אהיימצוגיין.

אהיים? צו קען מען עס אנרופן אהיים? עס ווארט מיר אפ א ליידיגע טונקעלע היים, מיינע טריט זענען שווער געווארן, און פלוצלונג איז ברוריה





אויסגעוואקסן נעבן מיר.

"קום, מיר גייען אהיים צו אונזערע נאנטע און טייערע..."

"אהיים?" האט איך אויסגעפלאצט, "אהיים, ווי אהיים? שוין לאנגע וואכן וואס מיין מאן קומט נישט אהיים, צו דעם, גיי איך אויס פון בענקשאפט נאך די קינדער, איך טראג עס נישט אריבער!!! קענסט מיר זאגן ווי אזוי דו קענסט נאך שמייכלען?!"

איר שמייכל האט זיך אפגעווישט און ברוריה איז ערנסט געווארן, "דו ביזט גערעכט, הונדערט פראצענט גערעכט, אבער... דו ווייסט וואס איך טו ווען איך פיל זיך אזוי אליין, און מיין מאן קומט אויך נישט אהיים? **איך** גיי ארויס צו אים אויפן פעלד, און איך זע אז אים איז אויך שווער, אזוי ביטער שווער, אז ער קען אפילו נישט טראכטן פון דעם וועג אהיים, צוזאמען זענען מיר זיך מחזק, צוזאמען דערמאנען מיר זיך אז עס גייט נאך אמאל קומען גוטע צייטן, דער גאט פון אונזערע עלטערן גייט אונז אויסלייזן פון דא, און מיר וועלן קענען נאר אים דינען, אזוי האב איך כח אריבערצוגיין נאך א טאג, קענען שמייכלען אביסל..."

"אבער..." - קענסט מיר זאגן וואס זי וויל פון מיר? - "איך פיל זיך אזוי צובראכן, אזוי צוריסן און צופליקט, ווי אזוי קען איך נאך גיין שטארקן א צווייטן??? איך ווארט אזוי יעדע נאכט, אפשר היינט... אפשר היינט וועט ער אהיים קומען, מיר אביסל אויפלעבן, נישט לאזן אזוי אליין..."

# פאר די ברסלב'ע שטוב

ברוריה איז מסכים מיט מיר, "איך זאג דיר נאכאמאל, דו ביזט הונדערט פראצענט גערעכט, קומען קומט עס אז דער מאן זאל מחזק זיין, טרייסטן מיט גוטע ווערטער וואס ער האט געלערנט אדער געהערט, אבער עס געשעט דאך נישט, זיי ארבעטן אזוי ביטער, זיי געדענקען קוים ווי אזוי זיי הייסן, זאג איך דיר פראביר עס אויס, פראביר דו ארויסצוגיין צו אים, אפילו עס איז דיר אזוי שווער, וועסט זען אז דו אליין וועסט אהיימקומען געשטארקט".

איך האב איר נישט וואס צו ענטפערן, זאל איך עס טאקע פרובירן צו טון?

אונז קומען אן יעדער צו זיך אין הויז און געזעגענען זיך מיט א גוטע נאכט. איך דריי זיך ארום אביסל אין דער טונקעלער קאלטער הויז, קוק אויף ברוריה, זי דרייט זיך אלץ פריילעך, אלעמאל מיט אזא שמחת החיים, זי האט א פולע געבענטשטע שטוב, און אירע קינדער, נעמט מען אויך צו, און מיט דעם אלעם געדענקט זי אלעמאל צו געבן גוטע ווערטער, און א גוטע געפיל פאר א צווייטן, אפשר ווייסט זי וואס זי רעדט? וואס שאדט מיר צו פרובירן???

איך וועל אויס די שענסטע קלייד פון מיין שאפע, אויך די צירונגען וואס איך האב באקומען צו די חתונה, א ירושה פון מיין באבע, פון די גוטע צייטן, ווען אלע אידן האבן געוואוינט אין גושן גליקליך און צופרידן. לאמיר נאר א בליק טון אין שפיגל. ווען מיין מאמע האט מיר עס געגעבן האט זי מיר געזאגט: "עס וועט דיר נאך צוניץ קומען." יעצט פארשטיי איך וואס זי האט דעמאלט געמיינט, די קאלנער איז פארדרייט, אויך די קייטל איז נישט אויפן פלאץ, אזוי, יעצט איז עס גוט, אזוי קען איך זיך טרעפן מיט מיין טייערן מאן, לאמיר טאקע מיטנעמען די שפיגל.

איך וועל פארפלייצט פון געפילן... אבער וואס איז מיט אים אליין? א גאנצן טאג ארבעט ער מיט ליים און ציגל, ער איז זיכער זייער פארשמירט...

**"חנמאל?" ער הערט נישט, איך פרוביר העכער: "חנמאל?" ער דרייט זיך אויס ערשטווינט: "אביגיל?!?!" ווי קומסטו דא אן?**

איך האב א גוטע עצה, איך וועל אנשעפן וואסער, עס אנווארעמען, און אים געבן זיך ארומצוואשן, אזוי וועט ער אויך אויסזען און פילן בעסער.

איך גיי ארויס אנשעפן וואסער, וואס גייט דא פאר? פארוואס איז די אמפער אזוי שווער? וואו! עס איז אריינגעשווימען דארט גוטע פישעלעך!!! דאנקען גאט! קוק ווי ער פארלאזט אונז נישט, לאמיר עס טאקע אפקאכן, וועל איך אויך קענען ברענגען גוטע עסן.

געמוטיגטערהייט שלעפ איך זיך מיט די ווארעמע וואסער און געשמאקע פרישע פיש, פון דערווייטנ'ס זע איך שוין די האלב פארענדיגטע געביידעס, פון פיתום און רעמסס, די ארבעט דארט ענדיגט זיך קיינמאל נישט, די קנעכט וואס האבן שוין געענדיגט די באשטימטע מאס ציגל, גייען שוין שלאפן, און די אומגליקליכע פרובירן אריינצוכאפן וואס מער, פאר עס ווערט שטאק פינסטער.

איך זוך מיין מאן צווישן אלעמען, אה, דארט איז ער, מיין הארץ פארפעלט א קלאפ, איז עס טאקע ער? קוק ווי אזוי ער זעט אויס... צושטרויבלטע האר... פארשמירטע הענט און פיס... צוריסענע קליידער... און זיין בליק... א פארלאשענע... א מיואש'דיגע... וואס איז מיט דיר געשען? מיין חשוב'ער טייערער מאן?... ער גייט דארט אין א ווינקל, און לייגט זיך שוין אראפ



אויף די קאלטע נאסע ערד. יעצט וועל איך צוגיין צו אים.

"חנמאל?" ער הערט נישט, איך פרוביר העכער: "חנמאל?" ער דרייט זיך אויס ערשטוינט: "אביגיל?!?! ווי קומסטו דא אן? איך בין אויסגעמוטשעט, יעצט וויל איך נאר שלאפן, עס ווארט מיר מארגן א לאנגער ש-ו-ו-ע-ר-ע-ר טאג". ער דרייט זיך אויס און פארמאכט די אויגן.

איך האלט זיך איין מיט אלע כוחות נישט אויסצופלאצן אין א געוויין. "מיין ליבער חנמאל! איך זע, איך זע ווי איבערגעשטרענגט דו ביזט, איך האב דיר געברענגט גוטע פרישע פיש, אפשר ווילסטו עסן אביסל פארן שלאפן? עסן וועט דיר געבן כח אויפן מארגנדיגן טאג.

ער עפנט זיינע אויגן א שפאלט, "פרישע פיש?! עס שמעקט אזוי גוט, זיכער וויל איך עסן אביסל, שוין וואכן וואס איך עס נאר די הארטע אומגעפארטיגטע ברויט..."

ער זעצט זיך אויף, איך געב אים ווארעמע וואסער זיך ארומצוואשן, און זיך צו וואשן די הענט, "דא האסטו אויך פרישע וועש, איך וועל נעמען די אלטע, עס אויסוואשן און פארעכטן". יעצט דערקען איך אים שוין, ער דערקוויקט זיך מיט די גוטע עסן, און קומט צוביסלעך צו זיך.



"געבענטשט זאלסטו זיין! מיין טייערע ווייב! האסט מיר מחיה געווען! האסט מיר אויפגעלעבט! דו ווייסט? פון ווען דיין ברודער שמעון האט מיר דערציילט, אז דו האסט געמוזט איבערלאזן אונזערע ניי געבוירענע קינדער אויפן פעלד, האב איך פארלוירן די מוט צו לעבן..." זיין קול פארהאקט זיך...

**א פינק צינדט זיך אן אין זיינע פארלאשענע אויגן, "עפעס האב איך געהערט... איך בין געווען אזוי פאריאגט, איך האב נישט צוגעלייגט קיין קאפ...**

אפאר טרערעלעך גליטשן זיך מיר אראפ, און איך שאקל צו מיטן קאפ, "איך בין אויך זייער צובראכן, איך שלאף נישט קיין נעכט, אבער היינט ביי די ארבעט, האט איך געהערט אז די קינדער קומען פון זיך אליין אהיים, ווען זיי וואקסן אונטער".

א פינק צינדט זיך אן אין זיינע פארלאשענע אויגן, "עפעס האב איך געהערט... איך בין געווען אזוי פאריאגט, איך האב נישט צוגעלייגט קיין קאפ... אבער די אידישע אויפזעהער האבן גערעדט, אז די קינדער עסן מילעך מיט האניג פון די שטיינער אויפן פעלד".

"יא, אזוי זאגט מען, מיר האבן נאך א האפענונג, מיר גייען נאך טרעפן אונזערע קינדער".

"אבער" ער מאכט אוועק מיט די האנט "אפילו זיי בלייבן לעבן, וואספארא לעבן ווארט אויף זיי??? זיין פארקנעכטעט, ארבעטן ביטער שווער פון אינדערפרי ביז ביינאכט???"

"אמת, מיר האבן קינדער, און אונז ווייסן נישט וואס גייט זיין מיט זיי, **מיר האבן קינדער נאר ווייל אזוי וויל אונזער גרויסער גאט**, מיר ווייסן נישט צו זיי לעבן, און אויב זיי לעבן, וואספארא נסיונות עס ווארט אויף זיי, צו זיי וועלן עס בכלל קענען אריבערגיין, אבער וואס דארפן מיר מאכן איבריגע חשבונות? קום זיך פארלאזן אויף אונזער גרויסער, אלמעכטיגער גאט, ער האט דאך צוגעזאגט פאר אונזער זיידן אברהם, אז ער וועט אונז אויסלייזן פון דא, און באשטראפן די מצריים פארן אונז אזוי פייניגן.

לאמיר שרייען צו אים: **"הייליגער באשעפער! לייז אונז שוין אויס! קוק ווי אונז ליידן דא אין גלות! קוק ווי יעדער מוטשעט זיך. איינער דארף געזונט, איינער האט נישט קיין פרנסה, א צווייטער מוטשעט זיך מיט קינדער, א אנדערער וויל זען נחת פון די קינדער, לייז אונז שוין אויס! נעם אונז שוין ארויס! ברענג אונז נאנט צו דיר, וועסט זען ווי אלע ווילן נאר איין זאך. אלע ווילן דיר דינען, רעדן צו דיר, און זיין אייביג נאנט צו דיר, הייליגער באשעפער!!!"** •

# מיט א צדיק אן

״עס ליגט אין דיינע הענט״

ח.ש.

די גוטע וועטער הייַנט, ערלויבט א שפּאַציר,
איך גיי ארויס, און שפּאַר צו די טיר.
ש'כח איבערשטער פאר די פיינע פרישע לופט,
אין די שיינקייט פון די בריאה, איך ווער פארטיפט.

די וועטער היינט ערלויבט מיר א שפּאַנציר,
איך גיי ארויס, און קנאַק צו די טיר.
פשש... גאַנץ גוטע לופט,
אין אלטע זכרונות איך ווער פארטיפט.

די קינדער לויפן פון פאַראויס,
באשעפער היט זיי אפ, זאג איך ארויס.
איך הער זיי שרייען פון עק גאַס,
"מאמי, אונז זענען אינגאַנצן נאַס."

די קינדער לויפן פון פאַראויס,
"כאפּט זיך אַן קינדער" שריי איך אויס.
אבער זיי שרייען צוריק פון עק גאַס,
"מאמי, אונז זענען אינגאַנצן נאַס".

נאַסע קאַטשקעס קומען זיי צולויפן,
מאמי ביטע, א נאַש טו אונז קויפן.
פאַרוואס זענען ענק נאַס קינדער,
באַקוק איך זיי מיט וואונדער.

דורכגענעצטע קאַטשקעס קומען זיי צולויפן,
מאמי, א נאַש טו אונז קויפן.
מאַכט נישט משוגע, וואס זענט איר נאַס קינדער,
איך באַקוק זיי פון אויבן אראָפּ מיט וואונדער.

א באטל וואסער האבן אונז געטראפן,
זיך געשפילט, אנגעגאסן און געלאפן.
דעריבער קוקן מיר אזוי אויס,
ווי נאסע קאטשקעס פון טייך ארויס.

א באטל וואסער האבן אונז געטראפן,
איינער אויפן צווייטן געווארפן.
דעריבער קוקן מיר אויס,
ווי קאטשקעלעך פון טייך ארויס.

איך לאז נישט טון אזעלכע זאכן,
עס קען ענק ח"ו פארקילט מאכן.
יעצט זעצט זיך שיין אויפן באנק,
זיך טרוקענען פון די זון שטראלן, א גוטע געדאנק.

קינדער וואס מיינט די זאכן?
אזעלכע בושות טוען ענק מיר מאכן.
זעצט זיך שנעל אראפ אויפן באנק,
ענק מאכן מיר מ — מ — ש קראנק.

עס איז שוין צייט אהיימצוגיין,
צו קענען מארגן פריש אויפשטיין.
גיין אין שולע און אין חדר,
לערנען, שפילן, רעדן צו דער אייבערשטער.

קינדער מען מוז אהיימגיין,
מארגן מוזן ענק פרי אויפשטיין.
צו גיין אין שולע און אין חדר,
די הנהלה זאלן ענק שטעלן אין א סדר.

## איז וועלכע לעבן ווילסטו?

## מיט א צדיק? אן א צדיק?

## עס ליגט אין דיינע הענט.

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

יום טוב פסח תשפ"ג

# אַ מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה פַאר קִינְדֶער

רבקה לויזון תחי׳ - ירושלים בית פּיגא פאַרציילט:










אליעזר שלמה שטראססער - קרית ברסלב פאַרציילט:




געמאלן דורך: לאה'לע שטראססער









## מְחַיֶ׳ זַיין אַ צַדִּיק

זִי וֵויינְט, זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן: "וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער..." אָדְל, דִי צַדֶּקֶת אָדְל, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער וֵויינְט, זִי וִויל קִינְדֶער; זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט לַאנְגֶע יָארְן אוּן זִי הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט גֵיין אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח צוּ זַיין טָאכְטֶער דִי גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת אָדְל אוּן זִי פְּלֶעגְט מְכַבֵּד זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ. אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פֶּסַח בְּרָאקְט מֶען נִישְׁט, מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז דִי מַצָּה זָאל נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין וַואסֶער, אָבֶּער אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ בְּרָאקְן, מֶען עֶסְט קְנֵיידְלֶעךְ גֶעמַאכְט פוּן מַצָּה מֶעל.

דִי רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דִי צַדֶּקֶת אָדְל: "פַאר דִי צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן – וֶועסְטוּ הָאבְּן צְוֵויי קִינְדֶער, אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס דִי וֶועלְט וֶועט מְקַנֵא זַיין"; אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צְוֵויי קִינְדֶער.

דִי צַדֶּקֶת אָדְל הָאט אַ גַאנְץ לֶעבְּן חֲרָטָה גֶעהַאט ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין טַאטֶע, דֶער רֶבִּי, נָאר מִיט צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ? וָואלְט אִיךְ גֶעגֶעבְּן מֶער – וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ נָאךְ קִינְדֶער׳.


טֵייעֶרֶע טַאטֶע, אִיךְ וִויל דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל אוֹיף אֵיינֶעם אַ שְׁלֶעכְטֶע גְּזַר דִין, אוֹיבּ מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צַדִּיק, מֶען מַאכְט אַ פַארְגֶענוּגְן פַאר׳ן צַדִּיק – בֶּעט דֶער צַדִּיק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דְרֵיידְט אִיבֶּער דֶעם גְּזַר דִין. אַזוֹי וִוי אָדְל הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן וַוייל זִי הָאט מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען אִיר טַאטֶע – הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

# קענסטו טרעפן

## די פאלגענדע ווערטער?...

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כ | ד | ח | ט | ב | ת | נ | ק | כ | כ |
| ה | ס | ו | מ | ג | י | ד | פ | ר | א |
| ו | ל | מ | ו | כ | ש | ק | ו | פ | ד |
| ל | ג | ה | ר | פ | ז | ע | ו | ס | ה |
| ע | ת | ב | ח | ו | נ | ה | ס | ד | ע |
| ב | ד | ט | צ | ש | ר | ח | נ | ר | ב |
| צ | ח | נ | ה | ק | צ | פ | נ | ז | ש |
| ז | ס | ס | כ | ק | ה | ל | ל | י | נ |
| ט | ת | ה | ש | ב | פ | כ | מ | כ | ש |
| ה | י | ג | מ | נ | ת | פ | כ | ע | ג |
| ר | ל | צ | ע | ז | ה | ש | ס | ו | מ |
| פ | פ | ע | ט | צ | ד | צ | מ | ד | ל |
| ח | ח | ת | ק | פ | ד | א | ו | ג | פ |
| ק | צ | ס | ר | מ | פ | א | צ | ת | ב |
| ה | ר | מ | ה | ק | ז | ה | י | א | ט |
| ו | ר | ו | כ | ו | ר | כ | א | כ | ה |
| ת | ר | ת | כ | ש | ל | ח | נ | ג | ת |
| ב | ה | ק | פ | צ | נ | מ | צ | ה | ח |
| ש | נ | ג | ט | ת | פ | י | ש | ח | נ |
| ה | ע | י | כ | י | א | ו | פ | ר | י |
| ת | ב | ע | ה | ב | ב | ק | נ | ק | ד |
| ק | ע | צ | ו | כ | ב | פ | מ | א | ק |

קדש ורחץ

כרפס יחץ

מגיד רחצה

מוציא מצה

מרור כורך

שלחן עורך

צפון ברך

הלל נרצה

# טרעף די וועג
# צו די פיר כוסות...





# טרעף די 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





אויפן בילד: דער ראש ישיבה שליט"א ביי שריפת חמץ ערב פסח תשפ"ב אין קרית ברסלב

# קליין און שיינך



אברהם יושע קויפמאן נ"י - טשעסטער
דעם רבינ'ס לעכט שיינט אויף די וועלט



נתי און שמואלי פעקעטע נ"י
פיתום ורעמסס



חיים טייטלבוים נ"י - קרית ברסלב
גרויסע בית המדרש אין שטעטל



אליעזר שלמה הערצאג נ"י - וויליאמסבורג



אליעזר שלמה קרויס נ"י - ביתר
לערנט אלף בית



נחמן נתן בלום און אליעזר שלמה אינדיג נ"י
קרית ברסלב
אמת יא - שקר נישט



## שיקט אריין א בילד פון אייער קינד

# ווער ווייסט

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



דער ראש ישיבה ביים געבן א שיעור פאר די
בחורים פון ישיבה חתן תורה - ווינטער תשע"א

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
אינעם קומענדיגן בלעטל

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ׳דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

**718·387·2691**

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 · DESIGN | 845.406.4250



# בילדער
## אפטיילונג



קרעדיט: יוסי פרערויא

שיעור ליל ששי פרשת ויקרא אין בארא פארק



מען טיילט אויס קמחא דפסחא פאר אנשי שלומינו אין ארץ ישראל לכבוד פסח



קרעדיט: דודי דייטש

שיעור אין ספר המדות אין היכל הקודש בארא פארק, פאר די ליל ששי שיעור פרשת ויקרא



קרעדיט: אשר יעקב בלום

ארויפגעלייגט זאת נדבת אויף איינע פון די מאשינען אין בית הדפוס




קרעדיט: אשר יעקב בלום

ארויפגעלייגט זאת נדבת אויף איינע פון די מאשינען אין בית הדפוס



קרעדיט: יעקב פיש

דער ראש ישיבה באזוכט אויף די ירושלים גאס אין שטעטל - ג׳ ויקרא



קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה

ירושלים גאס כמעט גרייט זיך אריינצוציען



קרעדיט: אייזיק ראטה

שמחת הלחיים /ווארט / תנאים פון החתן ישראל מנחם ראזענבערג הי״ו - א׳ צו



קרעדיט: שלמה יאקאבאוויטש

גרויסארטיגע חלוקה אין שטעטל פאר פסח



תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים מאכן א סדר



קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש

נורסערי קלאס פון שטעטל באזוכט אין ברסלב׳ע מצה בעקעריי - א׳ צו



קרעדיט: יעקב פיש

דער ראש ישיבה באקט מצות אין בארא פארק פאר זיין טאטע קארלסבורגער רב שליט״א



קרעדיט: מעכל ראזענפעלד

שיעור הלכות פסח פונעם דיין שליט״א - א׳ צו

# בילדער ארכיוון

## בילדער פון מוהרא"ש זי"ע
## פון יום טוב פסח


שריפת חמץ ביי מוהרא"ש זי"ע אין די ל' יארן (מערקט די שניי)


בדיקת חמץ ביי מוהרא"ש זי"ע אין די ס' יארן


שריפת חמץ ביי מוהרא"ש זי"ע אין די מ' יארן


הבדלה מוצאי יום טוב פסח אויף ביר


הכונו!
יערליכע זשורנאל
תשפ"ג
אנשי שלומינו
טעלעפאן בוך
אנשי חיל

הלילה הזה

# כלנו מסובין



**וואו קויפט מען אין די קעטסקילס**
**אפיקומן פאר די קינדער?**

**וואו קויפט מען אין די קעטסקילס**
**הגדות פאר פסח?**

**וואו קויפט מען אין די קעטסקילס**
**אלע צוגעהערן פארן סדר?**

זיצט ווי א מלך ביי אייך אינדערהיים,
מיר קומען צו אייך.

מיר האבן א רייכע אויסוואל פון אלע ספרים,
Judaica, games און ביכער פאר קליין און
גרויס מיר זענען אפען א גאנץ יאר

Free Delivery with minimum order

קרית ברסלב
& judaica

**אפען טעגליך** - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
**פרייטאג** - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
**מוצאי שבת** - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער
ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס

347.578.4449

51 Twin Bridge Rd. Liberty N.Y. 12754 left side entrance

sruliheskel@gmail